STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02360

BARIKHT-FORTROG

Vyacheslav Mikhaylovich Molotov

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

ו. מ. מאָלאָטאָוו

באריכט־פאָרטראָג
וועגן דער ארבעט פון דער רעגירונג
דעם VII ראטנצוזאמענפאָר פון פססר

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

I. צוויי ליניעס פונ דער וועלט־אנטוויקלונג

כאוויירימ! מיט פיר יאָר צוריק האָט דער VI ראטנ־צוזאַמענפאָר דערקלערט, אז די פראַגע וועגנ דעמ זיג פונ סאָציאַליזמ אינ אונדזער לאַנד איז געלייזט אונ דער זיג פונעמ סאָציאַליזמ איז פולשטענדיק געזיכערט. דער דאָזיקער אויספיר האָט זיכ באַזירט דערויפ, וואָס אינ דער פאָלקווירטשאַפט האָבנ שוינ דעמאָלט די הערשנדיקע לאַגע פאַרנומענ די סאָציאַליסטישע עלעמענטנ. שוינ דעמאָלט זײַנענ אינ דער אינדוסטריע קימאַט ניט פאַרבליבנ קיינ קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטנ. אומבאַדייטנדיק איז זייער ראָליע געווענ אויכ אינעמ האַנדל. עס איז אויכ געווענ אונטערגעריסנ די ראָליע פונעמ מאַלעגופּנטומ אינ דאָרפ.

אָבער צו יענער צייט איז בלויז איינ דריטל פויערימ אריינ אינ די קאָלווירטנ, די איבערוועגנדיקע מערהייט פויערימ אָבער איז נאָכ פאַרבליבנ אינדיווידואַלנ אונ איז געווענ פאַרבונדנ מיט זייער פּריוואַט־אייגנטימערישער ווירטשאַפט, אונ עס איז דאָכ באַוווּסט, אז די הויפּט־מאַסע פונ אונדזער באַפעלקערונג זײַנענ פויערימ. דעריבער איז אינ יענעמ פעריאָד בלויז די מינדערהײַט פונ דער באַפעלקערונג פונעמ ראטנפאַרבאַנד געווענ אומיטלבאַר באַשעפטיקט אינ דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט.

פונ דאַנ אָנ האָט זיכ די לאַגע געענדערט. דער סאָציאַליזמ האָט געמאַכט א קאָלאָסאַלנ שריט פאָרויס אינ אונדזער לאַנד, דער סאָציאַליסטישער שטייגער איז געוואָרנ דער אומטיילבאַר הערשנדיקער אינ דער גאַנצער פאָלקווירטשאַפט. קימאַט פיר פינפטלעכ פונעמ פויערטומ איז ארייגעטראָטנ אינ די קאָלווירטנ. הייסט עס, אַז ניט נאָר די אַרבעטער, נאָר אויכ די פויערימ זײַנענ אינ זייער מאַסע ארײַנגעטראָטנ

אינ די רייענ פונ די בויער פונ סאָציאליזמ און זיי בויענ מיט זייערע הענט די סאָציאליסטישע געזעלשאפט. אינ רעזולטאט דערפונ איז שוינ איצט מיט דער אומיטלבארער סאָציאליסטישער בויונג באשעפטיקט די איבערוועגנדיקע מערהייט באפעלקערונג פונ אונדזער לאנד (אפלאָדיסמענטנ).

דאָס איז דער גרונט־סאכאקל פונ אונדזער אנטוויקלונג פאר די דאָזיקע יאָרנ. אָט דאָס איז דער גרונט־סאכאקל פונ דער לענינשער פארטיי און פונ דער סטאלינישער אָנפירונג מיט דער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג (אפלאָדיסמענטנ).

וואָס פאר א איינצלנע שוועריקייטנ און דעפעקטנ אינ אונדזער בויונג זאָלנ ניט געווענ זיינ, קאָנ קיינער ניט אָפלייקענענ, אז אויכ פאר די פארגאנגענע פיר יאָר איז דאָס לאנד פונ יאָר צו יאָר געגאנגענ אפנ וועג פונ אופשטייג, אפנ וועג צו פארבעסערנ די לעבנ־באדינגונגענ פונ די ברייטע פאָלק־מאסנ. נאָכ בעסערע מעגלעכקייטנ און פערספעקטיוונ עפענענ זיכ פאר אונדז איצט, ווענ די גרונט־מאסע ארבעטנדיקע האָט איינגעריסנ מיטנ פריוואט־אייגנטומ און האָט זיכ געשטעלט אפנ וועג פונ סאָציאליזמ, וועלכער גאראנטירט א גרעסערע ארבעט־פראָדוקטיווקייט און א פריער אומגעזעענעמ אופשטייג פונעמ וווילשטאנד און פונ דער קולטור פונ די ארבעטנדיקע. אָט פארוואָס איז דער סאכאקל, וואָס מיר ציענ איצט אונטער, ניט בלויז די בעסטע אָפשאצונג פונ די קאמפ־דערפאָלגנ פונ די ארבעטנדיקע פונ אונדזער לאנד, פונ די דערפאָלגנ פונ אונדזער בויונג. צוזאמענ דערמיט עפנט ער פערספעקטיוונ פארנ ראטנפארבאנד, אנטפלעקט אונדזערע מעגלעכקייטנ אינ דער צוקונפט.

מיר קאָנענ אָבער ניט ריידנ בלויז וועגנ זיכ, וועגנ אונדזער בויונג, לעבנדיק אינ דער ארומרינגלונג פונ די קאפיטאליסטישע לענדער. פארשטייט זיכ, אז מיר פארגלייכנ דאָס, וואָס קומט פאָר בא אונדז, מיט דעמ, וואָס עס קומט פאָר אינ די קאפיטאליסטישע לענדער.

דער פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ איז איינ וועלט, וואָס לעבט מיט איר באזונדער לעבנ. מיר זיינענ נאָכ אלץ די איינציקע סאָציאליסטישע רעפובליק, כאָטש זי איז א סאָציא=

ליסטישער פארבאנד פון פיל גרויסע און קליינע פעלקער, פון פיל נא־
ציעס מיט באדייטנדיקע אייגנטימלעכקייטן אינעם לעבנ־
שטייגער.
אן אנדער וועלט שטעלן מיט זיך פאר די קאפיטאליסטישע לענדער.
די דאזיקע וועלט לעבט מיט איר לעבן, וואס שיידט זיך אונטער פון
אונדזער לעבן.
די לעצטע יארן האבן מיט א באזונדער קראפט באוויזן, וואס עס
שטעלט מיט זיך פאר דער איצטיקער אנטוויקלונג־וועג פון די קאפי־
טאליסטישע לענדער.
מיט פיר יאר צוריק איז אפן ראטן־צוזאמענפאר אויסגעקומען צו
ריידן וועגן דעם עקאנאמישן וועלט־קריזיס, וועגן דעם טיפן קריזיס,
וואס האט פארכאפט אלע לענדער פונעם קאפיטאליזם. צי זיינען די
דאזיקע לענדער ארויס פונעם קריזיס פון יענער צייט אן? ניין, זיי
זיינען נים ארויס. ניט דערפאר, וואס מיר זיינען קעגנער פון קאפיטא־
ליזם, קומט אונדז אויס צו ריידן שוין אט דאס זעקסטע יאר וועגן
דעם עקאנאמישן קריזיס, וועגן די קאנוולסיעס, וואס טרייסלען אופ
די קאפיטאליסטישע לענדער. ניט נאר די קעגנער, נאר אויך די אנ־
הענגער פון קאפיטאליזם קאנען ניט אפלייקענען דעם פאקט, אז אט
די אלע יארן האט דער עקאנאמישער קריזיס פאנאנדערגעריסן די קא־
פיטאליסטישע געזעלשאפט און ער רייסט נאך אלץ פאנאנדער ביז
הייננטיקער צייט. אט פארוואס עס קומט אויס ווידעראמאל און נאכא־
מאל ריידן וועגן דעם עקאנאמישן קריזיס אין די לענדער פונעם קא־
פיטאל, וועגן דעם, ווי נידעריק עס איז געפאלן די ווירטשאפט פון
די דאזיקע לענדער, וויאזוי עס וויקלט זיך דא צונויפ די ארבעט אין
געביט פון קולטור, וויאזוי עס פארשארפט זיך דער קאמף צווישן דעם
קלאס עקספלואטירטע און דעם קלאס עקספלואטאטערס, וויאזוי עס
פארשארפט זיך אויך דער קאמף צווישן גאנצע מעלוכעס און עס
וואקסט אן די מילכאמע־געפאר. אלץ נייע און נייע פאקטן באווייזן,
אז די באזונדערע שווערקייט פון דעם איצטיקן עקאנאמישן קריזיס
קאן באנומען ווערן בלויז אין דעם פאל, אויב מע זאל זיך אפגעבן א
דינ־וועכעזשבן דערפון, אז פאר אונדז אין די אויגן וויקלט זיך פא־
נאנדער שוין דער צווייטער יארצענדליק דער אלגעמיינער קריזיס פון

דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמ, אַז עס פאַרשטאַרקנ זיכ אַלץ מער און מער די פּראָצעסנ פונ דער צעפוילונג פונעמ קאַפּיטאַליזמ.

דער קריזיס האָט ארומגעכאַפּט אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. א קריזיס לעבט איבער ניט נאָר די אינדוסטריע, נאָר אויכ די לאַנדווירטשאַפט אינ אַלע אירע צווייגנ. דער קריזיס האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט סיי אויפנ האנדל, סיי אויפנ קרעדיט, סיי אויפ דעמ גאַנצנ איבעריקנ עקאָנאָמישנ לעבנ פונ די דאָזיקע לענדער. קיינמאָל איז אזוי נידעריק ניט געפאַלנ דער ניוואָ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, ווי אינ די לעצטע יאָרנ, און קיינמאָל איז אינ דער פאַרגאַנגענהייט ניט געווענ אַזאַ לאַגע, אַז אַ קריזיס זאָל זיכ ציענ העכער פינפ יאָר. דאָס לעצטע יאָר האָט ניט געבראַכט קיינ וועלכע־עס איז וויכטיקע ענדערונגענ אינ דער אנטוויקלונג פונעמ עקאָנאָמישנ קריזיס, כאָטש דער ניוואָ פונ דער אַלוועלטלעכער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע האָט זיכ עטוואָס געהעכערט אינ פאַרגלייכ מיטנ פאָריקנ יאָר.

אָט זיינענ אייניקע אָנגאַבנ וועגנ דער באַוועגונג פונעמ אינדוסטריעלנ קריזיס פאַרנ לעצטנ פּעריאָד:

דער פאַרנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אינ פּראָצענטנ צומ יאָר 1929

לענדער	1929 י.	1930 י.	1931 י.	1932 י.	1933 י.	1934 י.
פססר	100	130	162	185	202	239
פאראייניקטע שטאטנ	100	81	68	54	65	67
ענגלאנד	100	92	84	84	88	96
דײַטשלאנד	100	88	72	60	69	86
פראנקרײַכ	100	101	89	69	77	71
איטאליע	100	92	78	67	74	80
די גאנצע וועלט (אָנ פססר)	100	85	74	62	71	76

אינ קיינ לאַנד איז נאָכ ניט דערגרייכט געוואָרנ דער ניוואָ פונעמ 1929 יאָר, ווענ דער קריזיס האָט זיכ ערשט אָנגעהויבנ. אינ די פאַראייניקטע שטאַטנ פונ אַמעריקע איז די אינדוסטריעלע פּראָדוק-

ציע נאָכ אלצ אפּ 33 פּראָצענט נידעריקער פונעמ ניוואָ פונ 1929 יאָר. אינ פראנקרייכ האָט זיכ אינ 1934 יאָר דער ניוואָ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פארקלענערט אפילע לעגאבע דעמ 1933 יאָר אונ איז געווענ אפּ 29 פּראָצענט נידעריקער פונעמ פארקריזיס-פּעריאָד, אונ אינ איטאליע — אפּ 20 פּראָצענט נידעריקער פונעמ דאָזיקנ פּעריאָד. דייטשלאנד ווייזט א וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אינ 1934 יאָר, אָבער דאָכ איז די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע פונ דייטשלאנד אפּ 14 פּראָצענט נידעריקער פונעמ ניוואָ פונ 1929 יאָר. נעענטער פונ אלע איז צוגעגאנגענ צומ יאָר 1929 די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אינ ענגלאנד, אָבער אויכ דאָ האָט די אינדוסטריע נאָכ אלצ ניט דערגרייכט אפילע דעמ פארמילכאָמע-ניוואָ.

די פאקטנ פונ 1934 יאָר דערווייזנ די גרויסע אומגלייכמעסיקייט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע אינ פארשיידענע מעלוכעס. באמ פאראנענזיינ פונ מער אָדער ווייניקער אויסגעדריקטע טענדענצנ פונעמ וווּקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אינ דער מערהייט לענדער, האָבנ מיר נאָכ אינ באזונדערע פאלנ אויכ אינ פאָריקנ יאָר א פארקלענערונג פונעמ ניוואָ (פראנקרייכ).

אינ אלגעמיינ האָט זיכ דער פארנעמ פונ דער אלוועלטלעכער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פארגרעסערט פונ 71 פּראָצענט אינ 1933 יאָר ביז 76 פּראָצענט אינ 1934 יאָר. אזויארומ, איז דער פארנעמ פונ דער אלוועלטלעכער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע נאָכ אלצ אפּ 24 פּראָצענט נידעריקער פונעמ ניוואָ פונ 1929 יאָר. פארגלייכט די דאָזיקע לאגע מיטנ ראטנפארבאנד, ווו פונעמ 1929 יאָר האָט זיכ דער פארנעמ פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פארגרעסערט אפּ 139 פּראָצענט (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

די פאקטנ באשטעטיקנ אינגאנצנ כ' סטאלינס אויספירנ אפנ XVII פארטיי-צוזאמענפאָר. דער פּונקט פונ דער סאמע גרעסטער יערידע פונ דער אינדוסטריע, פונ דער סאמע גרעסטער טיפקייט פונעמ אינדוסטריעלנ קריזיס איז דורכגעגאנגענ אינ 1932 יאָר. נאָכ דעמ איז דער קריזיס ארייננ אינ דער סטאדיע פונ דעפּרעסיע, אָבער ניט פונ אזא דעפּרעסיע, ווי דאָס איז געווענ אינ די צייטנ פונ די פריערדיקע אינדוסטריעלע קריזיסנ. דעמלט איז דער איבערגאנג פונעמ

קריזיס אינ א דעפּרעסיע געווענ ניט בלויז דער ערשטער שריט ארויס־צוגיינ פֿונ דער גרוב פֿונעמ קריזיס, נאָר אויכ א צוגרייטונג פֿאַר א נייעמ אויפֿבלי פֿונ דער אינדוסטריע. איצט האָבנ מיר אנ אריבערגאַנג פֿונעמ קריזיס צו א דעפּרעסיע פֿונ א באַזונדער אַרט, צו א געוויסנ אָנוווּקס פֿונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, בלויז אינ פֿאַרגלייכ מיטנ העכסטנ פּונקט פֿונ דער פֿאַלונג פֿונ דער אינדוסטריע, אָבער ווענ דער פֿאַראַנענער אָנוווּקס פֿונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע ווייזט דאָכ נאָכ ניט קיינ שומ סימאָנימ פֿונ א נײַעמ אינדוסטריעלנ אויפֿבלי. איצט האָבנ מיר צו טאָנ ניט מיט אנ אינדוסטריעלער דעפּרעסיע פֿונעמ פֿאַרמיל־כאָמע־פֿעריאָד, ווענ דער קאַפּיטאַליזמ איז דורכנ קריזיס געגאַנגענ צו א נייעמ אויפֿשטייג, נאָר מיט א דעפּרעסיע פֿונ א באַזונדער אַרט, וואָס איז אייגנטימלעכ דעמ פֿוילנדיקנ קאַפּיטאַליזמ, דעמ קאַפּיטאַליזמ אינ זײַנ לעצטער סטאַדיע.

אונדז איז באַזונדערס וויכטיק, וויאַזוי דאָס אַלצ האָט זיכ אָפּגע־שפּיגלט אפֿ דער לאַגע פֿונ די ארבעטער אונ פּויערימ, אפֿ דער לאַגע פֿונ די ארבעטנדיקע.

אויב קיינ אינדוסטריעלנ אויפֿשטייג איז ביז איצט גאָר ניט צו זענ אינ קיינ איינ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, איז די זאַכלאַגע מיט דער ארבעט־לאָזיקייט רעדט אַליינ פֿאַר זיכ. די צאָל ארבעטלאָזע האָט אינ 1933 יאָר באַטראָפֿנ 22—23 מיליאָנ. צומ סאָפֿ 1934 יאָר פֿאַר־בלייבט די צאָל ארבעטלאָזע אפֿ דעמ זעלבנ ניוואָ, דה. ניט ווייניקער פֿונ 22 מיליאָנ מענטשנ. אפּילע אינ די לענדער, וו דאָס לעצטע יאָר האָט זיכ דער פֿאַרנעמ פֿונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע פֿאַר־גרעסערט, איז דער פֿאָנד פֿונעמ ארבעטלויג פֿאַרבליבנ, בעערעכ, אפֿנ פֿריערדיקנ ניוואָ, אָדער ער האָט זיכ פֿאַרגרעסערט גאָר אומבאַדייטנ־דיק. דאָס הייסט, אז בא פֿיל ארבעטער, וואָס האָבנ ארבעט, איז דער ארבעטלויג פֿאַרקלענערט געוואָרנ. אזויאַרומ שטרעבט דער קאַפּי־טאַליזמ ארויסצוקריכנ פֿונעמ קריזיס אפֿנ כעזשבנ פֿונ די ארבעטער, אפֿנ כעזשבנ פֿונ די ארבעטנדיקע.

אינ הינזיכט פֿונ דער לאַנדווירטשאַפֿט איז אינ די קאַפּיטאַליסטי־שע אונ קאָלאָניאַלע לענדער דאָס יאָר 1934 געווענ א יאָר פֿונ א באַ־דייטנדיקער אומגערעטעניש פֿונ די טוועס אונ טעכנישע קולטורנ,

ווי אויכ א יאָר פונ דער ווייטערדיקער יערידע פונ דער פיצוכט. קעדיי אופצושרויפנ די פרייזנ אפ דער פראָדוקציע פונ די גוטבאזיצערישע אונ באלעבאטישע ווירטשאפטנ, פירנ ניט זעלטנ די בורזשואזע רעגירונגענ א פאָליטיק פונ דירעקטנ פארקלענערנ די פארזיי־שעטעכנ אונ א פאָליטיק פונ אפזאגנ זיכ פונ מאשינ־טעכניק אינ דער ערדארבעט, אָבער דערמיט פארמישפעטנ זיי בלויז די לאנדווירטשאפט אפ דעגראדאציע. אינ צוזאמענהאנג דערמיט האָט זיכ די לאגע פונ די פויערשע מאסנ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער אונ אינ די קאָלאָניעס נאָכמער פארערגערט. אזויארום, איז דאָס, וואָס די רעגירנדיקע קרייזנ האָבנ געטאָנ, קעדיי צו פארקלענערנ דעמ קריזיס אינ די לענדער פונעמ קאפיטאל, געטאָנ געוואָרנ אפנ כעזשבנ פונ די פויערימ, אפנ כעזשבנ פונ די ארבעטנדיקע, לעטוײוועס די הערשנדיקע עקספלואטאטערישע קלאסנ.

נאָכ דעמ איז ניט שווער צו פארגלייכנ די *צוויי ליניעס* פונ דער אלוועלטלעכער אנטוויקלונג.

אנ אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאפט, וואָס גייט אומאָפגעהאלטנ פונ יאָר צו יאָר — דאָס איז דער אנטוויקלונג־וועג פונ פססר, פונעמ לאנד, וו עס בויט זיכ דער סאָציאליזמ. א קריזיס אינ דער אינדוסטריע אונ אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט, וואָס דויערט מער ווי פינפ יאָר אונ וואָס עפנט ניט, ניט געקוקט אפ א געוויסער פארבעסערונג, קיינ פערספעקטיוונ פאר א נייעמ אופבלי — דאָס איז דער אנטוויקלונג־וועג פונ די קאפיטאליסטישע לענדער, דער וועג פונ דעמ פוילנדיקנ קאפיטאליזמ.

אונדזער טעריטאָריע, וו עס איז ניט געוועזנ אונ עס איז ניטאָ קיינ עקאָנאָמישער קריזיס, טיילנ אָפ פונ די קאפיטאליסטישע לענדער, ווו דער קריזיס האָט פארשאפט אונ פארשאפט נאָכ איצט קאָלאָסאלע צאָרעס, די גרענעצנ פונעמ פארבאנד פונ די סאָוועטישע סאָציאליסטישע רעפובליקנ (*אפלאָדיסמענטנ*). די ארבעטער זעענ איצט, אז אינ די קאפיטאליסטישע מעלוכעס מיט א יעטווידער פארוואלטונג־סיסטעמ — פונ א פארלאמענטארישער ביז א פאשיסטישער — זײַנענ די עקאָנאָמישע קריזיסנ מיט זייערע אלע פארדערבלעכע פאָלגנ אומפארמיידלעכ. אונ פארקערט. איצט איז ניט נאָר פונ דער טעאָריע פונ מארקסיזמ, נאָר

אויב פונ לעבעדיקע פאקטנ, וואָס זײַנענ בײַ אלעמענ פאַר די אויגנ, איבערצײַגנ זיך די ארבעטער דעריג, וועלכע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג באַפרײַט פונ די עקאָנאָמישע קריזיסנ אונ עפנט אופ אומבאַגרענעצטע מעגלעכקײַטנ פאַרנ עקאָנאָמישנ אונ קולטורעלנ אופשטײַג.

פונקט ווי אינעמ יאָר 1917 האָט רוסלאַנד מיט זײַנ אָקטיאַבער־רעוואָליוציע באַוויזנ דעמ וועג צו פאַרענדיקנ די וועלט־שכיטע, ארויספירנדיק דאָס לאַנד פונ דער מילכאָמע אונ ראַטעווענדיק דערמיט מיליאָנענ מענטשנ פונ טויט, אזוי האָט אויב די לעצטע פינפ יאָר אונדזער לאַנד באַוויזנ, אינ וואָס עס באַשטײַט דער אויסוועג פונעמ עקאָנאָמישנ קריזיס אונ וויאַזוי די ארבעטער קאָנענ דאָס דערגרייכנ (ש ט ו ר מ י ש ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

דאָס אנטקעגנשטעלנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד קעגנ די בורזשואַזע מעלוכעס, באַזונדערס פאַר די דאָזיקע לעצטע יאָרנ, דעקט אופ דעמ פרינציפיעלנ זינ אונ די וועלט־באַדײַטונג פונ דער דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט אינ פססר, אלס א מעלוכע מיט א קעסיידערדיקנ ווירטשאַפטלעכנ אונ קולטורעלנ אופשטײַג, אלס די אײנציקע מעלוכע, וואָס פאַר איר זײַנענ ניט שרעקלעכ קײנ קריזיסנ (ש ט ו ר מ י ש ע א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

II. די באַציִונגענ פונ פססר מיט די קאַפיטאַליסטישע לענדער אונ אונדזער קאַמפ פאַרנ שאָלעמ

1. די איניציאַטיוו פונ פססר אינ זיכערנ דעמ שאָלעמ

אלזאָ, עס זײַנענ ניטאָ קײנ שומ אינערלעכע שטערונגענ פאַרנ ווײַטערדיקנ וווקס פונ אונדזער לאַנד. אנדערש איז אָבער די לאַגע מיט די אויסערלעכע שטערונגענ. דער קריזיס, וואָס הערט ניט אופ אינ די קאַפיטאַליסטישע לענדער, האָט פאַרשאַרפט די געפאַר פונ אויסערלעכע קאָמפליקאַציעס, די מילכאָמע־געפאַר.

זײַענדיק אַנ אויסוועג פונעמ קריזיס אונ פונ דער זיך פאַרצויגענער דעפרעסיע, פאַרשטאַרקנ די בורזשואַזע קלאַסנ דעמ דרוק אפ די אר־

בעטער, אפ די ארבעטנדיקע. די שטרעבונג ארויסצוקריכנ פונעם קריזיס דורכ דעם דאָזיקנ דרוק אפנ כעזשבנ פונעם ארבעטער־קלאס אונ פונ די ארבעטנדיקע פויערים באשטימט די אינערלעכע פּאָליטיק פונ די בורזשואזע רעגירונגענ. עס ווערנ ליקווידירט די רעשטלעכ פארלאמענטאריזם אונ בורזשואזער דעמאָקראטיע, אמאָל אינ אנ אָפענער אונ אמאָל אינ א פארדעקטער פאָרם. די פּאָליטיק פונ דירעקטנ גוואלד־טאט אונ טעראָר בענעגייע די ארבעטנדיקע ווערט אלצ מער פּאָפּולער בא דער בורזשואזיע.

אָט דאָס אלצ פירט צו דער פארשארפונג פונ דער אינערלעכער לאגע אינ די קאפּיטאליסטישע לענדער.

אָבער אויכ די באציִונגענ צווישנ די דאָזיקע לענדער אנטוויקלענ זיכ אלצ מער אינ דער ריכטונג פונ פארשארפנ, אינ דער ריכטונג פונ פארשטארקנ דעם קאמפ פאר די אויסערלעכע מערק אונ גייענ אלצ אָפּטער אריבער אינ א האנדל־אונ וואליוטע־מילכאָמע. די פאציפיסטישע שמועסנ גייענ אוועק אינ דער פארגאנגענהייט. די פאציפיסטנ זיינענ שוינ מער ניט אינ דער מאָדע. צו דער מאכט אינ די בורזשואזע לענדער קומענ אלצ נעענטער די עקסטרעמע אימפּעריאליסטישע דרייקעפּ, וואָס שמועסנ אלצ אָפענער וועגנ נייע פארכאפּערישע מילכאָמעס, וועגנ ארויסגיינ פונעם קריזיס דורכ א מילכאָמע.

ניט געקוקט אפ דער גאנצער געפאר פונעם פינאל פונ א נייער אימפּעריאליסטישער מילכאָמע פאר די הערשנדיקע קלאסנ פונ די קאפּיטאליסטישע לענדער גופע, זיינענ שוינ אייניקע לענדער אריבער צו אקטיווע אקציעס. אָט אזוי האָט זיכ יאפּאָניע ניט אָפּגעשטעלט פאר א מילכאָמע מיט כינע, האָט אָקופּירט מאנדזשוריע אונ פירט זיכ בכלאל אינעם לאנד פונעם גרויסנ כינעזישנ פאָלק ווי אינ דער היים. ניט בלויז יאפּאָניע, נאָר אויכ דייטשלאנד איז ארויס פונ דער פעלקער־ליגע, דערביי איז דער זינ פונ דער דאָזיקער פּאָליטיק אלעמענ פארשטענדלעכ. דאָס איז געטאָנ געוואָרנ, כדי צו האָבנ פרייע הענט אינ בראט פונ באוואָפענונג אונ פונ מילכאָמע־צוגרייטונג. גאָרניט לאנג האָט געפּלאצט דער באוווסטער וואשינגטאָנער אָפּמאכ וועגנ די יאם־באוואָפענונגען, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ מיט 13 יאָר צוריק צווישנ אמעריקע, ענגלאנד, יאפּאָניע אונ אנדערע מעלוכעס, ווייל דער

דאָזיקער אָפּמאַכ האָט עמעצנ גענומענ אויסזענ ווי א שטערונג אינ דער יאָגעניש נאָכ די יאַמ-באוואָפענונגענ אונ אינ דער צוגרייטונג פונעמ נייעמ מילכאָמע-געראַנגל פארנ גרויסנ אָקעאַנ. די דיפּלאָמאַטיע אונ די אויסערנ-פּאָליטיק פונ די בורזשואזע לענדער גייענ אלצ מער צו דינסט די, וואָס קלייבנ שוינ איצט צו פאר זיכ פארבינדעטע אינ דער מילכאָמע פארנ נייעמ איבערטיילנ די וועלט צווישנ די אימפּעריאַליסטישע מעלוכעס אפנ כעזשבנ פונ די שוואַכערע לענדער.

מיר מוזנ זיכ רעכענענ מיט דעמ, אז די דירעקטע מילכאָמע-געפאר פאר פססר האָט זיכ פארשטארקט. וועגנ א מילכאָמע קעגנ דעמ ראַטנפארבאנד ריידנ שוינ לאנג אָפנ אייניקע אײַנפלוסרייכע קרייזנ אינ יאַפּאָניע. מע דארפ ניט פארגעסנ אויכ, אז אינ אייראָפּע איז איצט פאראנ א רעגירונג-פּארטיי, וואָס האָט אָפנ פּראָקלאַמירט אלס איר היסטאָרישע אויפגאבע דאָס פארכאפּנ טעריטאָריעס אינעמ ראַטנפארבאנד. ניט זענ די דערנעענטערונג פונ דער נייער מילכאָמע — הייסט פארמאכנ די אויגנ אפ דער הויפּט-געפאר.

אפ דעמ אלעמ האָט דער ראַטנפארבאנד געענטפערט קוידעמקאָל מיט פארשטארקנ די אקטיוקייט אינ קאַמפ פאר שאָלעמ.

אלעמענ איז באוווסט די ברייטע איניציאַטיוו פונ פססר אינ דער פראַגע וועגנ די פּאַקטנ פונ ניט-אָנפאלנ. פארנ באריכט-פּעריאָד האָט דער ראַטנפארבאנד געשלאָסנ פּאַקטנ מיט די שכיינעסדיקע באלטישע מעלוכעס אונ מיט א ריי אייראָפּייִשע לענדער. ניט צוליב דער שולד פונ פססר האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו שליסנ א פּאַקט פונ ניט-אָנפאלנ מיט יאַפּאָניע.

א גרויסע באַדייטונג האָט באַקומענ דער פארשלאָג פונ פססר וועגנ דעפינירנ דעמ אגרעסאָר (אָנפאלנדיקער צאַד). אפ די צווישנפעלקערלעכע קאָנפערענצנ אונ אינ א ריי צווישנפעלקערלעכע אָפּמאכנ קאָנ מענ טרעפנ אָנווייזונגענ אפ דער נייטיקייט פונ באַזונדערע מאָסמיטלענ קעגנ דעמ אָנפאלנדיקנ צאַד, קעגנ דער מעלוכע דעמ אגרעסאָר, וואָס פארקאָכט די מילכאָמע. אָבער, ניט געקוקט אפ דעמ, האָבנ די רעגירונגענ פונ די בורזשואזע לענדער ניט ארויסגעוויזנ קיינ פארלאנג צו זאָגנ קלאָר, וועמענ אָבער דארפ מענ האלטנ פארנ

אָנפאַלנדיקנ צאַד, דה. פאַרנ לאַנד, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעכ פאַרנ
אָנהייבנ די מילכאָמע. נעמענ זיכ פאַר דעמ האָט געמוזט די סאָווע=
טישע דיפּלאָמאַטיע, וואָס איז באַזונדערס פאַרינטערעסירט אינ אָפּ=
היטנ דעמ שאָלעמ אונ אינ די מאָסמיטלענ קעגנ מילכאָמע=אָנפאַלנ.
די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע האָט מיט ערע אויסגעפילט אויכ די דאָ=
זיקע אויפגאַבע (אַפּלאָדיסמענטנ). אַנ אַנטשפּרעכיקנ פאָרשלאַג
האָבנ מיר אַרײַנגעטראָגנ אַפּ דער באַהאַנדלונג פונ דער צווישנפעל=
קערלעכער קאָנפערענצ. קעדיי אָבער טייקעפּ א רוק צו טאָנ דעמ דאָ=
זיקנ איניענ פּראַקטיש פאָרויס, האָבנ מיר פאָרגעלייגט א ריי לענדער
אונטערצושרייבנ דעמ אַנטשפּרעכיקנ פּאַקט, דה. אַנ אָפּמאַכ וועגנ דע=
פינירנ דעמ אָנפאַלנדיקנ צאַד. ווי באַוווסט האָבנ אַזאַ פּאַקט אונטער=
געשריבנ אַלע מעלוכעס, וואָס גרענעצנ זיכ מיט אונדז אינ אייראָפּע,
אויכ טערקיי, פּערסיע, אַפגאַניסטאַנ, אונ כוץ דעמ — טשעכאָסלאָוואַ=
קיע אונ יוגאָסלאַוויע.

אונדזער רעגירונג האָט שטענדיק צוגעגעבנ א גרויסע באַדייטונג
דער אָפענער שטעלונג פונ דער פראַגע וועגנ אַנטוואָפענונג אָדער, ווײַ=
ניקסטנס, וועגנ פאַרקירצנ מאַקסימאַל די באַוואָפענונגענ. אינ דעמ
ראַזיקנ זינענ טאַקע האָט געאַרבעט די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע אַפּ
דער צווישנפעלקערלעכער אַנטוואָפענונג=קאָנפערענצ. מע קאָנ זאָגנ, אַז
די צאָלרייכע זיצונגענ פונ דער צווישנפעלקערלעכער אַנטוואָפענונג=
קאָנפערענצ האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פרוכטלאָז. אָבער קיינער וועט ניט
קאָנענ זאָגנ, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האָט ניט געטאָנ אַלצ, וואָס ער האָט
גאָר געקאָנט טאָנ, קעדיי צו באַשטיינ אַפּ אַנ אַלגעמיינער אָדער, ווײַ=
ניקסטנס, מאַקסימאַלער אַנטוואָפענונג. ניט מיר דאַרפנ פאַרטיידיקנ די
זשענעווער אַנטוואָפענונג=קאָנפערענצ, אָבער מיר צווייפלענ ניט אינ
דעמ, אַז די אָנשטרענגונגענ פונ דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע אַפּ
דער דאָזיקער קאָנפערענצ, וואָס זיינענ געוואָרנ ברייט באַוווסט אינ פיל
לענדער, וועלנ ניט פאַרפאַלנ ווערנ פרוכטלאָז. א לאָגישע פאָרזעצונג
פונ אונדזער פּאָליטיק איז אונדזער פּאָרשלאַג צו פאַרוואַנדלענ די אַנט=
וואָפענונג=קאָנפערענצ, פונ וועלכער עמעצער וויל וואָס גיכער זיכ אָפּ=
טשעפּענ, אינ א שטענדיקער שאָלעמ=קאָנפערענצ, אינ אַנ אָרגאַנ, וואָס
זאָרגט קעסיידער וועגנ ניט דערלאָזנ קיינ מילכאָמע. דעמ דאָזיקנ פּאָר=

שלאג וועלנ נאָכ באהאנדלענ אנדערע לענדער אפ דער צווישנפעלקערלעכער קאָנפערענצ אונ מיר וועלנ אפ אימ באשטיינ.

אינעמ לעצטנ פעריאָד האָט זיכ פאר אונדז אפ א נייעמ אויפנ געשטעלט די פראגע וועגנ דער באציונג צו דער פעלקער=ליגע. עס איז באוווסט, אז די פעלקער=ליגע האָבנ געהאט געשאפנ די מעלוכעס, וועלכע האָבנ נאָכ דאנ ניט געוואָלט אנערקענענ די עקזיסטענצ=רעכט פונ דער נייער ארבעטער=פויערשער מעלוכע, אָבער וועלכע האָבנ דערפאר זיכ באטייליקט אינ דער אנטיסאָוועטישער מיליטערישער אינטערווענצ. די פעלקער-ליגע האָט מענ געהאט אמאָל שטארק געשטרעבט צו פארוואנדלענ אינ א הארמאט, וואָס זאָל זײַנ געצילט קעגנ דעמ ראטנפארבאנד. דערצו האָט זי געדארפט זיכערנ איינ האנט צווישנ די אימפעריאליסטנ. אָבער דער דאָזיקער איינפאל האָט זיכ ניט איינגעגעבנ (א פ ל א ד י ס מ ע נ ט נ).

פונ דאנ אָנ האָבנ פיל זאכנ פאסירט. די געשעענישנ פונ דער לעצטער צייט האָבנ אונטערגעשטראָכנ די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ דער לאגע פונ דער פעלקער-ליגע. פונ דער פעלקער-ליגע האָבנ גענומענ אוועקגיינ די סאמע קריגערישע, אגרעסיווע עלעמענטנ. די פעלקער-ליגע האָט זיכ פאר זיי אינ די געגעבענע באדינגונגענ ארויסגעוויזנ אלס שטערונג, אלס אומבאקוועמלעכקייט. אָבער די מערהייט אָנטיילנעמער פונ דער פעלקער=ליגע איז איצט צוליב די אָדער יענע מאָטיוונ ניט פארינטערעסירט צו פארקאָכנ א מילכאָמע. מיר האָבנ געדארפט מאכנ פונ דער דאָזיקער לאגע אונדזערער קאָנקרעטע באָלשעוויסטישע אויספירנ. דעריבער האָבנ מיר זיכ מיט מיטגעפיל באצויגנ צומ פאָרשלאג פונ די 30 מעלוכעס, אז מסתר זאָל ארייַנטרעטנ אינ דער פעלקער=ליגע. אזוי ווי אינ דער פראגע וועגנ זיכערנ דעמ שאָלעמ קאָנ די פעלקער=ליגע איצט שפילנ א געוויסע פאָזיטיווע ראָליע, האָט דער ראטנפארבאנד ניט געקאָנט ניט אנערקענענ פאר צוועקמעסיק די מיטארבעט מיט דער פעלקער=ליגע אינ דעמ דאָזיקנ געביט, כאָטש אונדז איז ניט אייגנטימלעכ דאָס איבערשאצנ די ראָליע פונ אזוינע מינע אָרגאניזאציעס. עס איז שוינ אָפגערעדט וועגנ דעמ, אז דאָס, וואָס מסתר האָבנ איינגעלאדנ אינ דער פעלקער-ליגע 30 מעלוכעס, פארמינדערט קלאָל ניט דעמ צווישנפעלקערלעכנ אווטאָריטעט פונעמ

ראטנפארבאנד, נאָר דאָט רערט וועגנ דעמ הייפּעכ. מיר פארשרייבנ דעמ דאָזיקנ פאקט אינ אונדזער אקטיוו (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

די ראטנ=רעגירונג האָט ניט בלויז ארויסגעוויזנ איניציאטיוו, נאָר האָט אויכ געשטיצט די שריט פונ אנדערע רעגירונגענ, וואָס זיינענ געווענ געווענדט אפ אָפּהיטנ דעמ שאָלעמ און די צווישנפעלקערלעכע געפארלאָזיקײט. אינ צוזאמענהאנג דערמיט דארפ מענ פארצייכענענ דאָס, וואָס מיר האָבנ אקטיוו געשטיצט פראנקרײכס פּאָרשלאָג וועגנ דעמ אזוינעמ צוזאמענ...

די, וואָס האָבנ אונטערגעשריבנ דעמ דאָזיקנ אָפּמאכ, דארפנ געבנ איינער דעמ אנדערנ יעטווידע, אונ דערונטער מיליטערישע, אונטערשטיצונג אינ דעמ פאל פונ אנ אָנפאל פונ איינעמ פונ די לענדער, וואָס האָבנ אונטערגעשריבנ דעמ פאקט. אינ פארלויפ פונ א ריי כאדאָשימ ווערנ געפירט אונטערהאנדלונגענ צווישנ די אָנגעוויזענע לענדער וועגנ שליסנ דעמ דאָזיקנ פאקט. איכ וועל זיכ ניט אָפּשטעלנ איצט אפ די מאָטיוונ, צוליב וועלכע דייטשלאנד אונ צוזאמענ מיט אימ פוילנ, זאָגנ זיכ אָפּ דערוויל צו געבנ די האסקאָמע אפ אונטערשרייבנ אימ. אָבער די באדייטונג פונעמ מיזרעכ=פאקט איז פאר אלע שאָלעמ=אָנהענגער אינ אייראָפּע פארשטענדלעכ. אונ דעריבער, ניט געקוקט אפ די שטערונגענ אונ דערווידערונגענ, וואָס זיינענ דערוויל פאראנ מיצאד די אָנגעוויזענע לענדער, האלט די ראטנ־רעגירונג פאר אומפארענדערלעכ איר באציִונג צו דעמ דאָזיקנ איניִענ. מיר וועלנ באטראכטנ דעמ דערפאָלג פונעמ דאָזיקנ איניִענ אלס שריט פאָרויס אינ זיכערנ דעמ שאָלעמ אינ אייראָפּע.

פונ דעמ אלעמ איז צו זענ, אינ וואָס עס באשטייט דער יעסאָד פונ דער אויסערנ=פּאָליטיק פונעמ ראטנפארבאנד. דער יעסאָד פונ אונדזער אויסערנ־פּאָליטיק איז דאָס אונטערשטיצנ דעמ שאָלעמ אונ אנטוויקלענ די פרידלעכע באציִונגענ מיט אלע לענדער (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

די ראָליע פונ פססר אלס פעסטנ פאקטער פונעמ אלגעמיינעמ שאָלעמ איז איצט ברייט אנערקענט. עס איז געוואָרנ א קלאל, אז אנדערע

לענדער ווענדנ זיכ צומ ראַטנפאַרבאַנד אינ די פאַלנ, ווענ עס האַנדלט זיכ וועגנ זיכערנ דעמ שאַלעמ. אונ דאָס איז פאַרשטענדלעכ.

קיינ איינ לאַנד, אונ דערונטער קיינ איינ קלענסטע מעלוכע בא די גרענעצנ פונ פססר, האָט ניט קיינ גרונט צו האָבנ דאָס געפיל פונ אומרו בנעגייע דעמ ראַטנפאַרבאַנד, וואָס דאָס קאָנ מענ ווייט ניט זאָגנ וועגנ אייניקע אַנדערע גרויסע מעלוכעס. דער אויטאָריטעט אונ די מעכטיקייט פונ דער אַרבעטער־פויערשער מעלוכע אינ די צווישנפעלקערלעכע באַציונגענ דינט איצט איינ זאַכ — דער זאַכ פונעמ אַלגעמיינעמ שאַלעמ. דער ראַטנפאַרבאַנד איז געוואָרנ דער אויסדריקער פונ די בלוטיקע אינטערעסנ פונ די אַרבעטנדיקע פונ אַלע לענדער אינ געביט פונ די צווישנפעלקערלעכע באַציונגענ. וואָס עס זאָלנ ניט ריידנ אונדזערע קלאַסנ־סאָנימ, באַשטייט דער פּאָליטישער זינ פונ דער דיקטאַטור פונעמ פּראָלעטאַריאַט אינ פססר בא די געגעבענע באַדינגונגענ, ווענ די מילכאָמע־געפאַר ווערט אַלצ מער אַקטועל, אינ דעמ, אַז אינ דער גאַנצער וועלט איז ניטאָ קיינ מער זיכערער זייל פונעמ שאַלעמ, איידער אונדזער אַרבעטער־פויערשע מאַכט (שטורמישע, דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטנ).

2. די באַציונגענ פונ פססר מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונ אונדזער אויסערנ־פּאָליטיק

אונדזערע באַציונגענ מיט אַנדערע לענדער ווענדנ זיכ ניט בלויז פונ אונדז, נאָר אויכ פונ דער אויסערנ־פּאָליטיק פונ די דאָזיקע מעלוכעס. אונ אייכ אַלעמענ איז באַוווסט, ווי פיל ווידערשפּרוכנ עס זיינענ פאַראַנ אינ דער פּאָליטיק פונ די בורזשואַזע מעלוכעס.

אויב אונדזער אויסערנ־פּאָליטיק איז קלאָר אונ שטאַנדהאַפטיק, קאָנ מענ דאָס ניט זאָגנ וועגנ די לענדער, ווו אונטער די אָדער יענע ווירקונגענ בייטנ זיכ אָפט די רעגירונגענ, ווו איינ בורזשואַזע פּאַרטיי פאַרבייט א צווייטע באַמ רודער פונ דער מאַכט. אַלעמענ, לעמאָשל, זיינענ באַוווסט די וועזנטלעכע ענדערונגענ אונ זיגזאַגנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ אינ פאַרלויפ פונעמ באַריכט־פעריאָד אינ דער פּאָליטיק פונ געוויסע לענדער אונ וואָס האָבנ זיכ געלאָזט פילנ אינ אונדזערע אויסערלעכע קעגנזייטיקע באַציונגענ.

אינ דער קאָמפּליצירטער צווישנפעלקערלעכער סיטואַציע גייט א פאַרמעסט אונ, צוזאַמענ מיט דעמ, די מיטאַרבעט פונ צוויי קעגנזעצלעכע געזעלשאַפטלעכע סיסטעמענ. מע קאָנ זאָגנ, אַז אַזאַ לאַגע איז ווידערשפּרעכלעכ, אָבער דאָס אַנטשפּרעכט דער פאַקטישער זאַכלאַגע. עס גייט א פאַרמעסט אָדער, אויב איר ווילט, א קאַמפּ אונ, צוזאַמענ מיט דעמ, וויקלט זיכ פאַנאַנדער די מיטאַרבעט פונ פּסר אינ אַלצ נײַע אונ נײַע פאָרמענ מיט די אָדער יענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סײַ אינ געביט פונ עקאָנאָמישע באַציונגענ, אונ סײַ אינעמ פראַט פונ אײַנהיטנ דעמ שאָלעמ. פּסר האָט מיט אַלע מיטלענ געשטרעבט צו אַנטוויקלענ די האַנדל־באַציונגענ מיט אַנדערע לענדער. אָבער די הויפּט־באַדײַטונג אינעמ באַריכט־פּעריאָד האָט באַקומענ די מיטאַרבעט פונ פּסר מיט אַנדערע לענדער אינ געביט פונ זיכערנ דעמ שאָלעמ.

וויאַזוי האָבנ זיכ אויסגעבילדעט די דאָזיקע באַציונגענ אינ פאַרלויפ פונעמ באַריכט־פּעריאָד?

די באַציונגענ פונ פּסר מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אינעמ באַריכט־פּעריאָד זײַנענ סאָפּקאָלסאָפּ באַשטימט געוואָרנ דורכ צוויי גרונט־מאָמענטנ: ערשטנס, דורכ דעמ, וואָס עס האָט זיכ פאַרשאַרפט די אינערלעכע לאַגע אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אונ עס האָט זיכ פאַרשטאַרקט דער קאַמפּ צווישנ זיי אינ צוזאַמענהאַנג מיטנ עקאָנאָמישנ קריזיס, וואָס הערט ניט אויפ, צווייטנס, דורכ דעמ, וואָס עס וואַקסט די מעכטיקייט פונעמ פאַרבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ.

אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ איז באַזונדערס וויכטיק צו פאַרצייכענענ די פאָלגנדיקע פאַקטנ. אינעמ באַריכט־פּעריאָד איז פאָרגעקומענ א פאַרשאַרפונג פונעמ קאַמפּ צווישנ די לענדער די זיגער אונ די לענדער די באַזיגטע, אונ אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ איז פאָרגעקומענ א פאַרשטאַרקונג, באַזונדערס אינ א באַשטימטנ טייל אייראָפּע, פונ דער הינטער־קוליסנ־אַרבעט אַפּ איבערגרופּירנ די קרעפטנ אַפּנ פאַל פונ א נײַער מילכאָמע אונ אויסצוזוכנ פאַר דעמ דאָזיקנ ציל פאַרבינדעטע אינ וועלכנ וועלט־טייל עס זאָל ניט זײַנ. צוזאַמענ מיט דעמ האָט די אַנטוויקלונג פונ די באַציונגענ פונ פּסר מיט די קאַפּיטאַליסטישע לענ־

דער אָפּגעשפּיגלט די באַדייטנדיקע פאַרגרעסערונג פון דער ראָליע פון פססר אלס צווישנפעלקערלעכן פאַקטער, באַזונדערס אלס פאַקטער פון שאָלעם און געפּאַרלאָזיקײט.

אויבערגייענדיק צו די קאָנקרעטע פאַקטן פונעם פאַרגאַנגענעם פעריאָד, דאַרף מען אין דער ערשטער ריי ריידן וועגן דער אופשטעלונג פון די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען פון פססר מיט א גאַנצע ריי מעלוכעס. דאָ דאַרף מען אויסרעכענען אזוינע לענדער ווי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע, כינע, שפּאַניע, אונגאַרן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע, אלבאַניע.

א גרויסע באַדייטונג האָט דער פאַקט, וואָס עס זיינען איינגעשטעלט געוואָרן נאָרמאַלע באַציונגען מיט אמעריקע. אין פאַרלויף פון 15 יאָר זיינען די פאַראייניקטע שטאַטן געשטאַנען אף דער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע פון אָפּלייקענען דעם ראַטנפאַרבאַנד, פון ניט אנערקענען די ראַטנמאַכט, האָבנדיק בא זיך אין וועסטל־קעשענע עפּעס קערענסקים א פּאָרשטייער. דאָס רייכסטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד האָט זיך פאַרלאָזן אף זיינע קרעפטן און האָט געהאַט א שלעכטע מייַנונג וועגן דער שטאַנדהאַפטיקייט פון אונדזער מאַכט. דאָס דאָזיקע לאַנד איז אַרויסגעטראָטן וועגן דער דאָזיקער פראַגע אונטערן פלאַג פון אומקאָמפּראָמיסלעכן באַשיצער די קאַפּיטאַליסטישע וועלט קעגן דער נייער, סאָוועטישער וועלט. עס האָט, אפּאָנעם, ביז דאָ ניט לאַנג אויסגערעכנט, אז ווען־ווען, אָבער דער רייכער אמעריקע וועט זיך איינגעבן איינצוהאַלטן זיך אף דער דאָזיקער פּאָזיציע. אָבער באַקומען האָט זיך גאָרניט אזוי, ווי עס האָבן געטראַכט די פריערדיקע רעגירונגען פון אמעריקע. און דער פּרעזידענט רוזוועלט איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין באַוווּסטער ווענדונג וועגן איינשטעלן נאָרמאַלע באַציונגען מיט פססר. דערמיט גופע האָט אמעריקע זיך אָפּגעזאָגט פון איר פּרינציפּיעלער פּאָזיציע, און דאָס דאַרפן מיר אנערקענען פאַר זייער א פּאָזיטיוון אומשטאַנד, באַזונדערס פונעם שטאַנדפּונקט פון די אינטערעסן פונעם אלגעמיינעם שאָלעם. אונדז איז ניט אויסגעקומען צו ענדערן אונדזער פּאָזיציע און צו גיין אף וועלכע ניט איז קאָרבאָנעס באַם אופשטעלן די דאָזיקע באַציונגען, און דאָס קאָן מען אויך ניט ניט אנערקענען פאַר זייער א פּאָזיטיוון פאַקט (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט ן).

עס זיינען אויך אופגעשטעלט געווארן נארמאלע באציונגען מיט כינע, וואס כינע האט איבערגעריסן אין 1928 יאר אונטערן דרוק פון אירע אנטיסאוועטישע עלעמענטן. פון דאן אן האט די כינעזישע רע־גירונג, אפאנעם, זיך איבערצייגט, אז דער דאזיקער איינרייס קאן ניט ברענגען קיין נוצן דער כינעזישער רעפובליק און פארערגערט בלויז איר צווישנפעלקערלעכע לאגע. עפשער איז וועמען־ניט־איז נייטיק געווען די דאזיקע פראקטישע לעקציע, אבער דאס איז שוין זייער זאך. פאר אונדז איז אויך אן דעם געווען קלאר, אז די ריכטיקע באציונגען צווישן פססר און כינע זיינען אין די אינטערעסן פון ביידע לענדער און פונעם אלגעמיינעם שאלעם. דעריבער האבן מיר מיט באפרידיקונג אנ־גענומען דעם פארשלאג פון דער כינעזישער רעגירונג אופצושטעלן די באציונגען, וואס דאס דארף דינען דער פארפעסטיקונג פון די פריינטשאפטלעכע באציונגען צווישן אונדזער לאנד און דעם גרויסן כינעזישן פאלק.

מיר בלייבט איבער צו זאגן צוויי ווערטער מיקויעך די רעכילעסדיקע קלאנגען וועגן סאוועטיזירן סינצזיאן. עס ווארפט זיך אין די אויגן, אז באזונדערס סטארעט מען זיך פארשפרייטן די דאזיקע רעכילעס אפ פססר אין יאפאניע, וואס איר פאליטיק בנוגע כינע איז אלעמען בא־ווסט און קאן ניט פארדעקט ווערן מיט פארשפרייטן אויסטראכ־טענישן. איך האלט פאר נייטיק אונטערצושטרייכן די ווירקלעכע סאָ־וועטישע פאליטיק בנוגע כינע: דער ראטנפארבאנד האלט, אז עס פארט זיך ניט מיט זיין פאליטיק דאס פארכאפן פרעמדע טעריטאריעס און איז אן אבסאליוטער אנהענגער פון כינעס אומאפהענגיקייט, אומבא־רירלעכקייט און סוווערעניטעט איבער אלע אירע טיילן, דערונטער, פארשטייט זיך, אויך איבער סינצזיאן.

עס איז ניטא וואס צו ריידן, אז דאס איינשטעלן נארמאלע בא־ציונגען מיט רומעניע, טשעכאסלאוואקיע און בולגאריע אנטשפרעכט אויך אינגאנצן די אינטערעסן פון דער זאך, די אינטערעסן פונעם שאלעם באזונדערס אין אייראפע.

מע קאן נאך אבער זאגן, אז עס פארבלייבן נאך אייניקע לענדער, וואס האבן ניט איינגעשטעלט קיין נארמאלע באציונגען מיט פססר. ווירקלעך, עס זיינען פאראן אזוינע לענדער אפילע אין אייראפע, אדער,

פינקטלעכער געזאָגט — אין אייניקע ווינקלען פון אייראָפּע. פאַרשווייגן די ראַזיקע לענדער, ווי קליין עס זאָל ניט זיין זייער ספּעציפישער געוויכט אין די צווישנפעלקערלעכע איניאַנים, איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק.

פון די ראַזיקע לענדער האָבן 3 — האָלאַנד, פּאָרטוגאַל און די שווייץ — געשטימט קעגן דעם, אַז פּסםר זאָל אַריינטרעטן אין דער פעלקער־ליגע און האָבן דערביי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען אָפּ דעם געגאַנגען צוליב מאָטיוון פון פּרינציפּיעלן באַשיצן די קאַפּיטאַליסטישע פּאָראָנדקעס פון דער סאָוועטישער געפאַר. אַזויאַרום, האָבן אַלע לענדער, כוץ אַזוינע ווי די שווייץ, האָלאַנד און פּאָרטוגאַל, זיך אָפּגעזאָגט פון דער פּרינציפּיעלער אומקאָמפּראָמיסלעכקייט אין די באַציונגען מיט פּסםר, און די ראַזיקע לענדער ווילן אונטערשטיצן ביזן סאָף דעם פּרעסטיזש פונעם קאַפּיטאַליזם. צי וועט פון דעם פיל געווינען דער קאַפּיטאַליזם, נעם איך זיך ניט אונטער צו אורטיילן. אָבער אויב זיי, צוליב דעם אייגענעם אָדער פרעמדן ווילן, ווילן דאָס אַזוי, — איז זאָלן זיי זיך פאַרנעמען מיט דעם ראַזיקן איניען (אַפּלאָדיסמענטן).

סאַפּקאָלסאָם קאָן מען אָפּ דער קאַרטע פון אייראָפּע באַמערקן בלויז קליינע פלעקן, מיט וועלכע עס זיינען באַצייכנט די לענדער, וואָס האָבן ניט קיין נאָרמאַלע באַציונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד. נעמט די קאַרטע פון דער גאַנצער וועלט און איר וועט דאָן זען, אַז מיט אַלע מעלוכעס, וועלכע האָבן אַוועלכע־ניט־איז ווירקונג אין די צווישנפעלקערלעכע באַציונגען, זיינען די נאָרמאַלע באַציונגען מיטן ראַטנפאַרבאַנד איינגעשטעלט געוואָרן. פאַרשטייט זיך, אַז אינעם געגעבענעם פאַל איז ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן די קאָלאָניאַלע און האַלב קאָלאָניאַלע לענדער, ווייל אַזוינע פראַגן איז זיי ניט דערלויבט צו לייזן זעלבשטענדיק, נאָר די אַנטשפּרעכיקע באַשטימונגען ווערן אָנגענומען אין אַן אַנדער אָרדענונג, וואָס איז אייך באַוווסט.

ווי זאָל מען נאָך דעם אַלעמען אָפּשאַצן די גרונט־רעזולטאַטן פון אונדזער אויסערן־פּאָליטיק פאַרן באַרגאַנגענעם פּעריאָד? פון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרן, איז געדרונגען, אַז דעם איניען וועגן איינשטעלן נאָרמאַלע באַציונגען מיט אַנדערע

לענדער האָט דער ראטנפארבאנד אינ גרונט געלייזט (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ).

אָט דאָס זיינענ די וויכטיקסטע סאכאקלענ פונ אונדזער אויסערנ־פאָליטיק פאר דער באריכט־צייט.

אינקורצנ וועל איכ זאָגנ וועגנ די באזונדערע לענדער, אונ קוידעמקאָל וועגנ די, וואָס די באציונגענ מיט זיי האָבנ זיכ באזונדערז אנטוויקלט נאָרמאל. דאָ דארפ מענ אינ דער ערשטער ריי ריידנ וועגנ די באציונגענ מיט אזוינע מינע באלטישע לענדער, ווי ליטע, לעטלאנד, עסטלאנד, פינלאנד. די פריינטשאפטלעכקייט פונ איר פאָליטיק בענוגייע די דאָזיקע מעלוכעס האָט די ראטנמאכט אונטערגעשטראָכנ מיט א ספעציעלער דערקלערונג וועגנ אנערקענענ די אומבארירלעכקייט אונ די פולשטענדיקע עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע אומאָפהענגיקייט פונ די דאָזיקע לענדער. צומ באדויערנ, קאָנ מענ ניט פארבייגיינ אזא פאקט, אז פוילנ אונ דייטשלאנד האָבנ אָפגעוואָרפנ זייער אָנטייל אינ דעמ דאָזיקנ איניענ.

ביז גאָר נאָרמאל האָבנ זיכ אנטוויקלט אונדזערע באציונגענ מיט אזוינע לענדער, ווי שוועדנ, נאָרוועגיע אונ דענעמארק, פערסיע אונ אפגאניסטאנ אונ אויכ מיט איטאליע, וואָס איז אנ אָנשוילעכע באשטעטיקונג פונ דער מעגלעכקייט צו אנטוויקלענ די מיטארבעט צווישנ די לענדער מיט אנ אבסאָליוט קעגנזעצלעכער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג.

אלס ביישפיל פונ דער בעסטער אנטוויקלונג פונ פריינטשאפטלעכע באציונגענ דינענ אונדזערע באציונגענ מיט טערקיי. די לעצטע יאָרנ זיינענ געווענ ניט בלויז א פעריאָד, ווענ עס האָבנ זיכ אנטוויקלט די סאָוועטיש־טערקישע ווירטשאפטלעכע אונ קולטורעלע פארבינדונגענ, נאָר אויכ א בוילעטע פאָליטישע דעמאָנסטראציע פונ דער סאָוועטיש־טערקישער פריינטשאפט (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ. דער צוזאמענפאָר מאכט אנ אָוואציע דעמ טערקישנ געזאנדטנ). דאָ גאָר ניט לאנג, ביז דער סאָוועטישער רעוואָליוציע, איז טערקיי מיט איר קאָנסטאנטינאָפאָל אונ די דורכגוסנ געווענ אנ אָביעקט פונ די רויבערישע אימפעריאליסטישע שטרעבונגענ פונ די רוסישע רעאקציאָנערנ אונ ליבעראלנ פונ אלע קאָלירנ, וועלכע האָבנ רע־

פרעזענטירט דאָס רוסלאנד פונ די סאָכרימ, פריצימ אונ פאבריקאנטנ. צווישנ יענער עפאָכע אונ דער ראטנמאכט האָט זיכ געשאפנ אנ אָפגרונט. די ראטנמאכט, אלס מאכט פונ די ארבעטער אונ פויערימ, איז ארויסגעגאנגענ אונ גייט ארויס פונ אנ אנדער פאָליטיק, וועלכע שליסט אויס די פאָליטיק פונ פארכאפערישע פלענער אונ איז דורכגעדרונגענ מיט טיפנ מיטגעפיל צומ ווידערגעבורט פונ דער נייער טערקיי. אפ דער דאָזיקער פעסטער באזע פעסטיקנ זיכ די באציונגענ פונ דער סאָוועטיש=טערקישער פריינטשאפט (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

אונדזערע באציונגענ מיט ע נ ג ל א נ ד האָבנ זיכ אינ אלגעמיינ אנטוויקלט נאָרמאל, אויב מע זאָל ניט רעכענענ דעמ באוווסטנ אינצידענט מיטנ געוועזענעמ ענגלישנ געזאנדטנ אָוויאָ. ער האָט געמאכט א פרווו ארײַנצומישנ זיכ אינ אונדזערע אינערלעכע איניאָנימ, ארויסטרעטנדיק מיט ניט־דערלאָזבארע פרעטענזיעס בײַסנ פראָצעס איבער די דעמאסקירטע אינזשעניערנ שעדיקער, וואָס האָבנ געארבעט בא אונדז, פונ דער פירמע מעטראָ־וויקערס. די ניט געבעטענע ארײַנמישונג האָט באקומענ אנ אנטשפרעכיקנ ווידערשטאנד פונ אונדזער זײַט. (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). אויב עמעצער האָט געדארפט אנ איבעריקנ מאָל איבערצײַגנ זיכ אינ דער פעסטקײַט פונ אונדזער פאָליטיק — פונ דער אויסערלעכער אונ אינערלעכער, — האָט ער פאר דעמ באקומענ א פאַסיקע געלעגנהײַט (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). דער דאָזיקער אינצידענט, האָפ, ווי באוווסט, ארויסגערופנ א באדײַטנדיקע פארקאָמפליצירונג אינ די ענגליש=סאָוועטישע באציונגענ, נאָר אדאנק די מאָסמיטלענ, וואָס ביידע צדאָדימ האָבנ אָנגענומענ, איז די קאָמפליצירונג אינ א געוויסער צײַט אינגאנצנ ליקווידירט געוואָרנ. דעמ הער אָוויאָ האָט פארביטנ אנ נײַער געזאנדטער. אונדזערע באציונגענ מיט ענגלאנד זײַנענ אוועק אפ נאָרמאלע רעלסנ. דערבײַ איז מיט א יאָר צוריק געשלאָסנ געוואָרנ א האנדל=אָפמאכ, וואָס עפנט גינסטיקע מעגלעכקײַטנ פאר דער אנטוויקלונג פונעמ ענגליש=סאָוועטישנ האנדל.

אינ אונדזערע באציונגענ מיט פ ר א נ ק ר ײַ כ דארפ מענ פארצײַכענענ באדײַטנדיקע פארבעסערונגענ אינעמ פארגאנגענעמ פעריאָד. די גאנצע צווישנפעלקערלעכע סיטואציע, אונ באזונדערס די ענדערונגענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ אייראָפע, האָבנ געמאכט פאר זייער אקטועל די

פראָבלעמ צו זיכערנ דעמ שאָלעמ און די געפאַרלאָזיקייט, וואָס בענע=
גייע איר האָבנ סיי דער ראַטנפאַרבאַנד און סיי פראַנקרייכ ארויסגע=
וויזנ א באַזונדערע פאַרינטערעסירטקייט. מע דאַרפ אונטערשטרייכנ, אַז
פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט ווערט די באַדייטונג פונ דער דאָזיקער
פראָבלעמ קלאָר ניט פאַרקלענערט, און דעריבער האָט די זיכ אָנגע=
מערקטע דערנעענטערונג א גינסטיקנ באָדנ פאַר אַנטוויקלונג. עס וועט
זיכ ווענדנ מער פונ אַלצ פונ דער קאָנסעקווענטקייט פונ די פאַרינטע=
רעסירטע צדאָדימ אינ דורכפירנ די אָנגעמערקטע ליניע.

וואָס אָנבאַלאַנגט **פוילנ**, האָבנ מיר אינ א גענוגיקער און קלאָרער
פאָרמ ארויסגעוויזנ א שטרעבונג צו דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונ
די סאָוועטיש=פוילישע באַציונגענ. מיר קאָנענ אָבער ניט ריידנ וועגנ
אונדזער באַפרידיקונג פונ די רעזולטאַטנ, וואָס זיינענ שוינ דערגרייכט
געוואָרנ אינ דער דאָזיקער הינזיכט. אָבער פאַר זיכ קאָנענ מיר פעסט
זאָגנ, אַז מיר האָבנ בעדייע פאַרצוזעצנ דעמ קורס אפ אַנטוויקלענ די
סאָוועטיש=פוילישע גוט=שכיינעסדיקע באַציונגענ.

מע קאָנ ניט פאַרמאַכנ די אויגנ אפ די ענדערונגענ, וואָס זיינענ
פאָרגעקומענ אינ די **סאָוועטיש=דייטשישע** באַציונגענ מיטנ קו־
מענ פונ דעמ נאַציאָנאַל־סאָציאַליזמ צו דער מאַכט. וועגנ זיכ קאָנענ מיר
זאָגנ, אַז מיר האָבנ ניט געהאַט און האָבנ ניט קיינ אַנדער ווונטש, ווי
האָבנ אויכ ווייטער גוטע באַציונגענ מיט דייטשלאַנד. אַלעמענ איז באַ=
וווסט, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז דורכגעדרונגענ מיט א טיפער שטרע=
בונג צו אַנטוויקלענ באַציונגענ מיט אַלע מעלוכעס, ניט אויסגע־
שלאָסנ אויכ מעלוכעס מיט א פאַשיסטישנ רעזשימ. אָבער אפנ וועג
פונ די סאָוועטיש=דייטשישע באַציונגענ זיינענ אַנטשטאַנענ ערנסטע
שווערקייטנ פאַרנ לעצטנ פעריאָד.

פאַרשטייט זיכ, ניט די אויבער־נאַציאָנאַליסטישע ראַסיסטישע טעאָ־
ריעס וועגנ דעמ דייטשישנ פאָלק אַלס דעמ „הער“ פונ דער גאַנצער
וועלט זיינענ די שטערונג צו אַנטוויקלענ די סאָוועטיש=דייטשישע באַ=
ציונגענ. ניט האָבנדיק קיינ גאָר הויכע מיינונג וועגנ די דאָזיקע „טע־
אָריעס“ (**געלעכטער, אַפּלאָדיסמענטנ**), באַהאַלטנ מיר ניט
אונדזער טיפע אַכטונג צומ דייטשישנ פאָלק אַלס צו איינעמ פונ די
גרויסע פעלקער פונ דער היינטצייטיקער עפּאָכע (**אַפּלאָדיסמענ=**

מנ). מיר — אינטערנאציאָנאליסטנ — האָבנ דערוויזנ אינ טאט די הויכע אכטונג פונ דער ראטנמאכט סיי צו די גרויסע אונ סיי צו די קלײנע פעלקער, סיי צו די פעלקער פונעמ ראטנפארבאנד, אונ סיי צו די פעלקער פונ אנדערע לענדער. דאָס איז אײנער פונ די סימאָנימ פונ דער גרויסער קראפט פונ די פרינציפנ פונ דער ראטנמאכט. פארקערט, אינ די רעאקציאָנערע ראסיסטישע טעאָריעס זעענ מיר א סימנ פונ פארמישפעטקייט...

עס גייט, אלזאָ, ניט אינ די דאָזיקע „טעאָריעס“, נאָר אינ דעמ, וואָס ליגט, אייגנטלעכ, אינעמ יעסאָד פונ דער אויסערנ־פּאָליטיק פונ דעמ איצטיקנ דייטשלאנד. מיר זײַנענ געצוווּנגענ צו שטעלנ די דאָזיקע פראגע אָפנ, ווײַל קלאָרקייט אינ אונדזערע קעגנזײַטיקע באציונגענ קאָנ ברענגענ בלויז נוצנ. אײנ אומשטאנד ציט צו אונדזער באזונדערע אויפמערקזאמקייט. איכ מיינ דעמ הער היטלערס דערקלערונג וועגנ רוסלאנד אינ זײַנ בוכ „מײַנ קאמפּ“, וואָס ווערט איצט באזונדערס ברייט פארשפרייט אינ דייטשלאנד. אינעמ דאָזיקנ בוכ לייענענ מיר אָט וואָס:

„מיר, נאציאָנאל־סאָציאליסטנ, ציִענ באוווּסטזיניק אונטער א שטריכ אונטער דער אויסערנ־פּאָליטיק פונ דייטשלאנד פונ דער פארמילכאָמעדיקער צײַט. מיר הייבט אָנ דאָרט, ווו דייטשלאנד האָט געענדיקט מיט 600 יאָר צוריק. מיר מאכנ א סאָפ צו דער אייביקער באוועגונג פונ די גערמאנער אפ דאָרעמ אונ אפ מײַרעוו־אייראָפּע אונ מיר ווענדנ דעמ בליק צו די לענדער אפ מיזרעכ. מיר הערנ אויפ ענדלעכ די קאָלאָניאלע אונ האנדלשע פּאָליטיק פונ דער פארמילכאָמיקער צײַט אונ גייענ אריבער צו דער פּאָליטיק פונ דער צוקונפט, — צו דער פּאָליטיק פונ טעריטאָריעלער דעראָבערונג.

אָבער ווענ מיר ריידנ באַ איצטיקנ מאָמענט וועגנ נײַע לענדער אינ אייראָפּע, קאָנענ מיר אינ דער ערשטער ריי האָבנ אינ זינענ בלויז רוסלאנד אונ זײַנע אונטערטעניקע ראנד־מעלוכעס.

דער שיקזאל אליינ ווי ער וואלט אנגעוויזנ דעמ דאזיקנ וועג" (דער קורסיוו איז פונעמ אוטער גופא פונעמ בוכ. וו. מ.).

צי דארפנ מיר פארבייגיינ פארביי אזעלכע דערקלערונגענ פונ דעמ הויפט פונ דער איצטיקער דייטשישער רעגירונג? קלאר, מיר דארפנ ניט.

צי דארפנ די בירגער פונעמ ראטנפארבאנד וויסנ וועגנ די דאזיקע דערקלערונגענ בענעגייע פססר? מיר האלטנ, אז זיי דארפנ (א פ ל א־ ד י ס מ ע נ ט נ).

אונ מיר פרעגנ נאכ דעמ — היטלערס אויבנ אנגעוויזענע דערקלערונג וועגנ רוסלאנד, וואס ווערט איצט איבערגעכאזערט אינ אלצ נייע אונ נייע אופלאגעס פונעמ דאזיקנ בוכ, — צי פארבלייבט זי גילטיק? צי פארבלייבט גילטיק די הערקלערונג פונעמ הער היטלער וועגנ דער נייטיקייט אריבערגיינ צו דער „פאליטיק פונ טעריטאריעלע דעראבערונגענ" אפנ מיזרעכ פונ אייראפע אונ וועגנ דעמ, וואס „ווענ מיר (נאציאנאל־סאציאליסטנ) ריידנ וועגנ נייע לענדער אינ אייראפע, קאנענ מיר, אינ דער ערשטער ריי, האבנ אינ זינענ בלויז רוסלאנד אונ די ראנד־מעלוכעס, וואס זיינענ אימ אונטערטעניק"? ווי עס שיינט, פארבלייבט די דאזיקע דערקלערונג גילטיק, ווייל בלויז באזא האשארע ווערט פארשטענדלעכ פילעס אינ די איצטיקע באציונגענ פונ דער דייטשישער רעגירונג צומ ראטנפארבאנד, דאס זעלבע אויכ צומ פראיעקט פונעמ מיזרעכ־פאקט.

טאקע דערפאר האלטנ מיר ניט פאר מעגלעכ פארבייגיינ פארביי די דאזיקע דערקלערונגענ פונעמ הער היטלער. זאלנ די ארבעטנדיקע פונעמ ראטנפארבאנד וויסנ, ווי עס האלט די לאגע. קיינ זאכ, אויסער אריינטראגנ קלארקייט אינ דער דאזיקער פראגע, ווילנ מיר זיכ ניט דערשלאגנ. אונ אזוי ווי די אנגעוויזענע דערקלערונגענ פונעמ הער היטלער פארבלייבנ, ווייזט אויס, גילטיק, וועלנ מיר זיכ רעכענענ מיט דעמ דאזיקנ פאקט אונ מיר וועלנ פונ אימ מאכנ אויספירנ פאר זיכ (ש ט ו ר מ י ש ע, ד ו י ע ר נ ד י ק ע א פ ל א ד י ס מ ע נ ט נ).

צולעצט, וועגנ אונדזערע באציונגענ מיט י א פ א נ י ע.

אינ פארלויפ פונ דעמ דאזיקנ גאנצנ פעריאד האבנ מיר אינ די דאזיקע באציונגענ ארויסגעוויזנ געדולד אונ די געהעריקע נאכגיביקייט,

שטרעבנדיק צו באזייטיקנ יעטווידע געלעגנהייט פאר פארשארפונג פונ די סאָוועטיש=יאפּאָנישע באציונגענ. אזוי האָבנ מיר זיכ באצויגנ צו דער לייזונג פונ די שטרייט=פראגנ אפנ ווירטשאפטלעכנ געביט, ווענ עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ די ראיאָנענ אונ וועגנ דער אָרדענונג פונ פישפאנג אינ די סאָוועטישע וואסערנ מיצאד די יאפּאָנישע בירגער, ווענ עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ די יאפּאָנישע קאָנצעסיעס אפ סאַבאלינ ארג. אלעמענ איז באוווּסט, אז, האלטנדיק זיכ בא איר פרידלעכער פּאָליטיק, האָט די ראטנ=רעגירונג געמאכט א פּאָרשלאג וועגנ פארקויפנ יאפּאָניע אונ מאנדזשאָו=גאָ די מיזרעכ=כינעזישע אייזנבאנ אינ מאנדזשוריע, האָבנדיק אינ זינענ דערמיט באזייטיקנ די געלעגנהייטנ פאר פארשיידענע קאָנפליקטנ. די ראטנ=רעגירונג האָט אינ דער דאָזיקער פראגע פארנומענ א ווירדיקע אונ צוזאמענ דערמיט א נאָכגיביקע פּאָזיציע אונ האָט זיכ דערשלאָגנ פונעם צווייטנ צאד אנ אָפּזאָג פונ זייערע לעכאטכילעדיקע ניט אָנעמבארע פּאָרשלאגנ. איצט האלטנ די אונטערהאנדלונגענ וועגנ פארקויפנ די מיזרעכ־כינעזישע אייזנבאנ, ווי עס שיינט, נאָענט צומ פארענדיקט ווערנ. מיר האָפנ, אז אונדזערע אָנשטרענגונגענ צו פארבעסערנ די סאָוועטיש=יאפּאָנישע באציונגענ אונ צו זיכערנ דעמ שאָלעמ אפנ ווייטנ מיזרעכ וועלנ ברענגענ זייערע פּאָזיטיווע רעזולטאטנ.

אָבער מיר האָבנ ניט קיינ שומ גרונט צו זעלבסטבארויקונג. די אגרעסיווע, קריגערישע עלעמענטנ אינ יאפּאָניע לייגנ ניט אוועק דאָס געווער. וועגנ א מילכאָמע קעגנ דעמ ראטנפארבאנד רעדט מענ לאנג אינ יאפּאָניע אָפנ אונ ביז איצט איז ניט צו זענ קיינ סימאָנימ פונ אנ אָפּשוואכונג פונ די דאָזיקע אנטיסאָוועטישע ארויסטרעטונגענ. אינ אייניקע יאפּאָנישע קרייזנ, וואָס האָבנ אנ איינפלוס אפ די רעגירונג=אָרגאנענ, איז ניט נאָר מע פּאָסמאקעוועט שוינ לאנג אונ אָפנ די פּלענער פונ פארכאפּנ די מיזרעכ=כינעזישע אייזנבאנ, נאָר אויכ פונ פארכאפּנ אונדזער ווייטנ מיזרעכ, אינ דער ערשטער ריי, פרימאָריע. ניט רעכענענ זיכ מיט די דאָזיקע פאקטנ קענענ מיר ניט, איבערהויפּט, ווייל מיר געדענקענ גוט, אז די יאפּאָניער זיינענ אלס אינטערווענטנ די לעצטע אוועק פונ אונדזער טעריטאָריע. ערשט סאָפ אָקטיאבער פונ 1922 יאָר האָבנ די יאפּאָניער פארלאָזנ וולאדיוואָסטאָק, אונ דאָס זיי־

נענ געווענ די לעצטע אינטערווענטנ, וואָס זײַנענ אוועק פונ ראטנפארבאנד.

דאָס אלצ טאקע באשטימט אונדזער פּאָליטיק אינ דער געגעבענער פראגע אונ די אומבאדינגט נייטיקע שוצ־מיטלענ, וואָס מיר האָבנ דורכגעפירט אפנ ווייטנ מיזרעכ. די דאָזיקע מיטלענ, קאָנענ מיר פארזיכערנ אלע שאָלעמ־אָנהענגער אינ יאפּאָניע, אנטשפּרעכנ דאפקע די אינטערעסנ פונעמ אלגעמיינעמ שאָלעמ.

איכ וועל איצט זאָגנ עטלעכע ווערטער וועגנ די סאכאקלענ אינ געביט פונ אונדזער אויסערלעכנ האנדל. מיר האָבנ דאָ ערנסטע דערגרייכונגענ, וואָס האָבנ באדייטנדיק פארפעסטיקט אונדזערע פּאָזיציעס אינ די האנדל־באציִונגענ מיט אנדערע לענדער.

אונדזער אויסערלעכער האנדל האָט דורכגעמאכט א באשטימטנ פּעריאָד פונ זיינע שווערקייטנ. איר ווייסט, אז נאָכ ניט לאנג זיינענ מיר געווענ א שטארק־אָפּגעשטאנענ לאנד אינ טעכנישער הינזיכט. אינ צוזאמענהאנג דערמיט איז אונדז אינ אָנהייב פונעמ ערשטנ פינפיאָר אויסגעקומענ ארייגצופירנ פיל מאשינעס פונ אויסלאנד, כדי צו פארשנעלערנ די אינדוסטריאליזאציע אונ די טעכנישע איבערבויונג פונ דער לאנדווירטשאפט אינ אונדזער לאנד. אָבער, האָבנדיק פארלייגט דעמ פונדאמענט, האָבנ מיר באוויזנ די לעצטע יאָרנ פאנאנדערוויקלענ די פּראָדוקציע פונ מאשינעס בא זיכ, אפ די אייגענע זאוואָדנ. אונ דאָס האָט אונדז דערלויבט שטארק צו פארקירצנ דעמ ארייגפיר פונ מאשינעס פונ אויסלאנד. דאָס האָט געענדערט אויכ אונדזער באלאנס פונעמ אויסערלעכנ האנדל. אינ רעזולטאט האָבנ אונדז די לעצטע צוויי יאָר געגעבנ שוינ א סאָלידע איבערשטייגונג פונ די האכנאָסעס איבער די הויצאָעס אינ אונדזער אויסערלעכנ האנדל, וואָס פריער איז דאָס בא אונדז ניט געווענ. די גרויסע כויוועס צו אויסלאנד, וואָס האָבנ זיכ געהאט אָנגעקליבנ פונ פריער, איז אונדז געלונגענ די לעצטע יאָרנ צו פארקלענערנ אינ פיר מאָל, אונ איצט קאָנ מענ ניט רעכענענ די רעשטנ פונ אונדזערע כויוועס פאר גרויסע. צוגלייכ דערמיט האָט זיכ די לעצטע פיר יאָר דער גאָלד־ארויסבאקומ צוזאמענ מיט די איינקינפטנ פונ „טאָרגסינ“ פארגרעסערט אינ 6 מאָל. דאָס אלצ האָט אינ גרונט געענדערט אונדזער וואליוטע־לאגע אונ ביכלאל די לאגע אפ די אויסער־

לעבנ מערק. ביפראט נאָכ, אז דער ראטנפארבאנד פילט אוים אלע זויינע האנדל=פארפליכטונגענ אונ צאָלונגענ שטענדיק פינקטלעכ צומ טערמינ. אלעמענ אינ אויסלאנד איז גוט באקאנט, אז ווענ דער ראטנפארבאנד שליסט האנדל=אָפּמאכנ, צאָלט ער לויט זיי ניט אזוי, ווי עס איז איצט אָנגענומענ אינ פיל בורזשואזע לענדער, ער צאָלט ניט „סימבאָליש“, נאָר ווי עס דארפ צו זיינ, ניט מיט צוזאָגנ, נאָר מיט וואליוטע (אפּלאָדיסמענטנ). דער דאָזיקער פאקט האָט אויכ א גרויסע באדייטונג פאר דער בעסערער פארזיכערונג פונ אונדזערע פּאָזיציעס אינ אויסערנ=האנדל. פונ דעמ אלעמ דרינגט ארויס, אז איצט האָבנ מיר מער ווי ווענ עס איז די מעגלעכקייט צו זיכערנ נאָרמאלע באדינגונגענ פאר אונדזער אויסערלעכנ האנדל.

אָבער, אנטוויקלענדיק די פּאָליטישע אונ האנדלשע באציונגענ מיט אנדערע לענדער, פארשטייט גוט דער ראטנפארבאנד די באדייטונג פונ א זיכערער שוץ פונ זיינע גרענעצנ. ווער קאָנ אָפּלייקענענ דעמ פאקט, אז קיינ איינ מעלוכע — ניט קיינ קליינער אונ ניט קיינ גרויסער — האָט דער קאָלאָסאלער ראטנפארבאנד ניט געדראָעט אונ דראָעט ניט מיט פארכאפּונגענ? אָבער, פונ דער צווייטער זייט, ווער קאָנ אָפּלייקענענ, אז די פעלקער פונעמ ראטנפארבאנד, וואָס זיינענ באשעפטיקט מיט פרידלעכער ארבעט אונ וואָס זיינענ דורכגעדרונגענ מיט פרידלעכע שטרעבונגענ, זיינענ ווערט א בעעמעס זיכערע באשיצונג פונ די גרענעצנ פונ זייער מעלוכע? (אפּלאָדיסמענטנ).

מיר האָבנ די לעצטע יאָרנ אויסגעבויט ניט ווייניק פארפעסטיקטע ראיאָנענ מיט דער נייטיקער באוואָפענונג אפ אונדזערע מיירעוו-אונ מיזרעכ=גרענעצנ. אָבער די דאָזיקע באוואָפענונגענ קאָנ מענ ניט אריבערטראָגנ פונ אונדזער טעריטאָריע אפ א טעריטאָריע פונ אנ אנדער לאנד. זיי זיינענ באשטימט פאר א ווידערשטאנד קעגנ די אָנפאלנדיקע קויכעס. אונדזער יאמ=פלאָט וואקסט, אָבער אפנ כעזשבנ פונ אזא טיפּ שיפנ, אונ פריער פונ אלצ אפנ כעזשבנ פונ אונטערוואסער=שיפלעכ, וואָס זייער פארטיידיקונג-ציל איז פארשטענדלעכ. עס וואקסט סיי אונדזער ארטילעריע, סיי דער טאנקענ=פארק, סיי די אוויאציע, אונ מיר זיינענ זיכ מוידע, מיר האָבנ באזונדערס איינגעשפּארט געארבעט אינ דער דאָזיקער הינזיכט (אפּלאָדיסמענטנ).

מיר האלטנ פאר אונדזוערער א גרויסער דערגרייכונג, וואס פאר דעמ באריכט-פעריאד איז די טעכנישע באוואפענונג פונ דער ארבעטער-פויערשער רויטער ארמיי באדייטנדיק אויסגעוואקסנ. דאס איז צו זענ באטשבי פונ פאלגנדעס: אינ פארגלייכ מיטנ פעריאד פונעמ פאריקנ ראטנ-צוזאמענפאר איז די מעכאנישע באוואפענונג (די צאל מעכאנישע פערד-קראפט) אפ איינ רויטארמייער אינ אונדזער ארמיי געשטיגנ אינ פיר מאל (אפלאדיסמענטנ). אראנק דער אויסערגעוויינלעכער אופמערקזאמקייט צו דער דאזיקער זאכ מיצאד דעמ כ' סטאלינ, האבנ מיר די דאזיקע זאכ דורכגעפירט מיט גרויס דערפאלג (שטורמישע אפלאדיסמענטנ).

אונדז איז אויסגעקומענ צו פארגרעסערנ אויכ דעמ צאלבאשטאנד פונ דער רויטער ארמיי.

דאס אלצ איז אונדז אנגעקומענ ניט פאשעט אונ ניט ביליק. דערמאנט זיכ וועגנ דעמ, אז די פארטיי אונ די רעגירונג האבנ אפנ באדארפט דערקלערנ, אז א געוויסע ניט-אויספילונג פונעמ ערשטנ פינפיאר לויט דער אינדוסטריע איז געווענ פארבונדנ מיט דער נייטיקייט צו פארשטארקנ די שוצ-ארבעטנ.

נאכ דעמ איז פארשטענדלעכ, אז אונדזערע ביודזשעט-אסיגנירונגענ אפ אויסהאלטנ די רויטע ארמיי אונ אפנ שוצ-וועזנ, זיינענ שטארק אויסגעוואקסנ פארנ לעצטנ פעריאד. וועגנ דעמ וועט דער פאלקס-קאמיסאר פאר פינאנצנ זאגנ אויספירלעכ אינעמ פארטראג וועגנ דעמ מעלוכע-ביודזשעט אפ דער ערשטער סעסיע פונעמ צענטראלנ אויספיר-קאמיטעט גלייכ נאכנ פארענדיקנ דעמ איצטיקנ צוזאמענפאר. מיר זיינענ געגאנגענ אפ די דאזיקע קארבאנעס מיצאד דער מעלוכע לעטוויוועס דער שוצ פונ דער ראטנמאכט אונ מיר זיינענ זיכער, אז איר, כאווירים, וועט דא זאגנ: די פארטיי אונ די רעגירונג האבנ אינ זייערע מאסמיטלענ צו באשיצנ דאס לאנד ריכטיק געהאנדלט (שטורמישע אפלאדיסמענטנ. אלע שטייענ אופ. אויסגעשריענ: „ריכטיק“).

עס האנדלט זיכ וועגנ אנ ארמיי, ווו ניט נאר דער געוויינלעכער רויטארמייער, נאר אויכ דער קאמאנדירנ-באשטאנד באשטייט אינ דער ערשטער ריי פונ ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פויערימ (אפלאדיס-

מ ע נ ט נ). עס האנדלט זיכ וועגנ אנ ארמיי, אינ וועלכער קימאט א העלפט פונעמ באשטאנד זיינענ קאָמוניסטנ אונ קאָמיוגיסטנ, אונ פונ די פויערימ זיינענ גיינ צענטל קאָלווירטניקעס. עס האנדלט זיכ וועגנ אנ ארמיי פונ דער סאמער פרידלעכ־געשטימטער מעלוכע, וועגנ אנ אר־ מיי, וואָס קאָנ זיינ געפערלעכ בלויז פאר די איניציאַטערנ פונ א מיל־ כאָמע, ווייל די ארבעטער־פויערשע רויטע ארמיי — איז די פעסטונג פונ אונדזער פרידלעכער ארבעט אונ פונעמ אלגעמיינעמ שאָלעמ (א פּ־ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

די לעצטע פיר יאָר זיינענ געווענ אזא פעריאָד, ווענ די מילכאָמע־ געפאר פארנ ראטנפארבאנד האָט זיכ אינ געוויסע מאָמענטנ בעפיי־ רעש פארשארפט. אונ דאָכ איז אונדז געלונגענ אויסקעמפנ דעמ שאָ־ לעמ אויכ דאָס מאָל.

אָבער די צוגרייטונג צו קריג־אָנפאלנ אונ די אָנרייצונג פונ די מילכאָמע־קייטהינט קעגנ פססר ווערט ניט אָפגעשטעלט אפ קיינ איינ טאָג. אינ אויסלאנד ווערט די האַזיקע צוגרייטונג געפירט אפ דער גע־ געבענער סטאדיע אויסער אלעמ דורכ פארשפרייטנ אינ דער בורזשו־ אזער פרעסע אלערליי רעכילעס וועגנ דעמ ראטנפארבאנד, מיטנ צוועק אונ־ טערצורייסנ דעמ צוטרוי פונ די מאסנ צו דער ראטנ־מעלוכע. די פאקטנ זיינענ אלעמענ באקאנט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבנ ספעציאליסטנ פאר רעכילעס אויסגעשריבנ גאנצע זייטנ פונ די בורזשואזע צייטונגענ, אופבלאָזנדיק די ניט עקזיסטירנדיקע געפאר פונ א „סאָוועטישנ דעמ־ פינג" אונ פארשפרייטנדיק אלערליי אויסטראכטענישנ וועגנ „צוואנג־ ארבעט" אינ פססר. דעמ מיעסנ דורכפאל פונ די האַזיקע אנטיסאָוועט־ טישע קאמפאניעס געדענקענ מיר.

די לעצטע צייט איז די אנטיסאָוועטישע רעכילעס אינ דער בור־ זשואזער פרעסע ווידער דערגאנגענ צומ העכסטנ גראד. צי קאָנ מענ זיכ פאָרשטעלנ עפּוואָס מער שענדלעכס, ווי די קוויטשערײַ פונ אייני־ קע בורזשואזע אונ סאָציאליסטישע פרעסע־אָרגאנענ, וואָס זיי האָבנ אופגעהויבנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ צעשיסנ עטלעכע צענדליק ווייס־ גווארדייִשע טעראָריסטנ. די האַזיקע הערנ, פארשטייט זיכ, האלטנ ניט פאר זייער פליכט צו זאָגנ דעמ עמעס אונ צו דעמאסקירנ די מענטשנ, וואָס שיקנ פונ אויסלאנד צו אונדז פארקויפטע אגענטנ־טעראָ־

ריסטנ. זיי קומט ניט אינ זינענ צו זאָגנ דעמ עמעס וועגנ די, וואָס נוצנ אויס אינ די שכייניש צו אונדז מעלוכעס געוויסע רעגירונג־אָרגאַנענ אָפ צו שיקנ די דאָזיקע מענגוואַלימ צו אונדז אינ הינטערלאַנד. ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע פרעסע־אָרגאַנענ עקזיסטירנ צו פארדעקנ אַזעל־בע מינימ „מײַסימ" אונ אָפוועגדנ די אויגנ פונעמ אוילעמ אָנ א זײַט. דעריבער יאָמערנ זיי אַזוי וועגנ די „צעשיסונגענ אינעמ ראַטנפאַר־באַנד". אָבער גאָרניט, אויסער אָנראַכמאָנעסדיקע מיטלענ קעגנ די פאַר־ברעכער, וואָס זיי נעמענ אונטער זייער שוץ, זאָלנ זיי פונ אונדז ניט דערוואַרטנ (שטורמישע אַפלאָדיסמענטנ). די רעכילעסדיקע אַרטיקלענ קעגנ דעמ ראַטנפאַרבאַנד אונ די גאַנצע קאַמפאַניע פונ אונ־טערײַסנ דעמ צוטרוי אינ די מאַסנ צו פססר וועט זיכ פאַרענדיקנ מיט א נייעמ סקאַנדאַליעזנ דורכפאַל.

די פאַרקויפטע שרייבערלעכ פונ דער בורזשואַזיע פאַרשווייגנ אויכ דעמ פעסטגעשטעלטנ פאַקט פונ דער פאַרבינדונג, וואָס איינער פונ די אויסלענדישע קאָנסולנ אינ לענינגראַד האָט געהאַט מיטנ מערדער פונ סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוו. זיי האָבנ אָנגענומענ א מויל מיט וואַסער, זיי מאַכנ א שווייג וועגנ דעמ, וואָס דער ראַטנ־רעגירונג איז אויסגע־קומענ בעטנ דעמ דאָזיקנ „פאָרשטייער" מיט א דיפלאָמאַטישנ פאַס־פאָרט צו נעמענ דעמ וועג (אַפלאָדיסמענטנ). אָבער, רעכענענדיק זיכ מיט דעמ אונ מיט אַנדערע ענלעכע פאַקטנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ, דאַרפנ מיר, סאָפקאָלסאָפ, זאָגנ לויטנ אַדרעס פונ די מעלוכעס, וואָס זייערע אָרגאַנענ אונ פאָרשטייער שטעלנ זיכ ניט אָפ פאַר שיקנ טעראָ־ריסטנ קיינ פססר אונ פאַר אָנשליסנ פאַרברעכערישע פאַרבינדונגענ מיט זיי אינווייניק בא אונדז אינ לאַנד, אַז זיי שטעלנ אונדזער געדולד אינ אַנ ערנסטנ ניסויענ.

מיר האָפנ, אַז די, וועמענ דאָס איז נעגייע, וועלנ פאַרשטיינ, אויב מיר וועלנ זאָגנ, אַז צו יעדנ געדולד קאָנ קומענ א סאָפ (שטורמישע, דויערנדיקע אַפלאָדיסמענטנ).

אינ איר גאַנצער אויסערלעכער פאָליטיק איז די ראַטנ־רעגירונג אַרויסגעגאַנגענ פונ קאָנסעקווענטע פרידלעכע שטרעבונגענ אונ ווונטשנ צו האָבנ נאָרמאַלע באַציונגענ אונ די נייטיקע האַנדל־פאַרבינדונגענ מיט אַנדערע מעלוכעס. אינ רעזולטאַט פונ דער דאָזיקער פאָליטיק האָבנ

מיר זיך דערשלאָגן צו פאַרפעסטיקן אונדזערע צווישנפעלקערלעכע פּאָזיציעס און דעם אומבאַשטרייטבאַרן וווּקס פונעם צווישנפעלקערלעכן אויטאָריטעט פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

אין אונטערשייד צו אייניקע אַנדערע לענדער, האָט זיך אונדזער אויסערלעכע פּאָליטיק אויסגעצייכנט מיט פולקומער קלאָרקייט און קאָנסעקווענטקייט. אונדזער אַנטייל אין די צווישנפעלקערלעכע פאַרשטענדיקונגען האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס אויף אונדזער אונטערשריפט קאָן מען זיך פאַרלאָזן. מיר האָבן דאָס רעכט צו דערוואַרטן קלאָרקייט אין די באַציונגען אויך מיצד אַנדערע מלוכעס.

אונדז קומט ניט אויס צו ענדערן אונדזער אויסערלעכע פּאָליטיק. מיר זיינען געשטאַנען און מיר שטייען פאַר זיכערן דעם שאָלעם, פאַר דער אַנטוויקלונג פון פּאָליטישע און האַנדל־באַציונגען מיט אַנדערע לענדער. דער קורס פון אונדזער אויסערלעכער פּאָליטיק איז פּונקט אַזוי אויסגעפּרווט און זיכער, ווי עס איז אויסגעפּרווט און זיכער דער וועג, מיט וועלכן די ראַטנמאַכט גייט צו איר פולן זיג (שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן).

III. דער זיג פון סאָציאַליזם אין פססר און די אויפגאַבן פון דער ראַטנמאַכט

1. דער אויפשטייג פון דער פאָלקווירטשאַפט און דער זיג פונעם סאָציאַליזם אין אונדזער לאַנד

פאַר די פיר יאָר זינט דעם VI ראַטנצוזאַמענפאָר האָט אונדזער פאָלקווירטשאַפט געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן שריט פאָרויס.

אינעם פאַרלויף פונעם באַריכט־פּעריאָד האָבן מיר מיט דערפאָלג פאַרענדיקט דעם ערשטן פינפיאָר און האָבן אים אויסגעפילט אין פיר יאָר. דאָס האָט אונדז דערלויבט אויסצואַרבעטן דעם צווייטן פינפיאָריקן פּלאַן אויפן פּעריאָד פון די יאָרן 1933—1937 און אין אָט דעם נייעם פּלאַן אוועקשטעלן נאָך גרעסערע אויפגאַבן, ווי אין דעם ערשטן. אין לעבן איז, פאַרשטייט זיך, ניטאָ קיין וועלכער עס איז באַוווּ־

דערער גרענעצ צווישנ דעמ 1=טנ אונ 2=טנ פינפיאָריקנ פּלאַנ. אינ דער ווירקלעכקייט איז דער צווייטער די אָרגאַנישע פאָרזעצונג פונעמ ערשטנ. די גרונט=אופגאבנ פונ דעמ סיי פונ יענעמ זיינענ—דער אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאפט פונעמ לאַנד, דער אופשטייג פונעמ מאטעריעלנ וווילשטאנד אונ פונ דער קולטור פונ די פאָלק־מאסנ.

דאָס גליק פונ אונדזער לאנד באשטייט דערינ, וואָס בא אונדז זיינענ ניטאָ קיינ קריזיסנ, ווי אינ אנדערע לענדער, וואָס דאָס לאנד גייט מיט יעדנ יאָר פאָרויס אפנ וועג פונ אופהייבנ די פאָלקווירטשאפט, וואָס דאָס שליסט אגעוו ניט אויס די דיפערענצ פונ די אופשטייג=טעמפּנ צווישנ באזונדערע יאָרנ אונ שליסט אויכ ניט אויס, אז עס זיינענ געוועננ פּעריאָדנ, ווענ אינ באזונדערע ווירטשאפט=צווייגנ איז בא אונדז געווענ א פארקלענערונג פונ דער פּראָדוקציע אנשטאָט א וווקס. אָבער די פאָלקווירטשאפט אינגאנצנ גענומענ אונ פריער פאר אלצ אונדזער אינדוסטריע איז ניט נאָר וואָס זיי האָבנ קיינ איינ יאָר ניט איבערגעלעבט קיינ יערידע, נאָר פארקערט, זיי זיינענ פונ יאָר צו יאָר געוואָקסנ, זיי האָבנ קעסיידער אונ מיט ריזיקע טעמפּנ זיכ באוועגט פאָרויס.

בא אונדז זיינענ ניטאָ קיינ ניט=ארבעטנדיקע פאבריקנ אונ זאוואָדנ, קיינ אָפּגעשטעלטע דאָמנעס אונ מארטענעס, קיינ אונטערנעמונגענ, וואָס ווערנ רוינירט פונ אומטעטיקייט. מיר האלטנ אינ איינ פארגרעסערנ די אנלאָדונג פונ די פונקציאָנירנדיקע אונטערנעמונגענ. אָבער אונדז קלעקנ ניט די פאראנענע זאוואָדנ אונ פאבריקנ. בא אונדז בויענ זיכ הונדערטער אונ טויזנטער נייע אונטערנעמונגענ אונ עס גייט ניט דורכ קיינ יאָר, עס זאָלנ ניט ארייננ אינ דער ריי פונ דער סאָוועטישער אינדוסטריע נייע גיגאנטנ פונ עלעקטריפיקאציע, פונ מאשינבויונג, מעטאלורגיע אונ כעמיע. עס וואקסנ אויס אזויווי פונ אונטער דער ערד נייע אינדוסטריעלע ראיאָנענ אונ שטעט. אָפּגעשטאנענע קאנטנ אונ געגנטנ גייענ ארייננ אינ די רייענ פונ די פאָרגעשריטענע. דער אָנגעהויבענער אופבלי פונ די נאציאָנאלע קולטורנ אפ דער סאָציאליסטישער באזע שטעלט מיט זיכ פאָר אנ אומגעזעענ בילד אפ יענער זייט גרענעצ פונעמ ראטנפארבאנד אונ ביכלאל אינ דער וועלט=געשיכטע (אפּלאָדיסמענטנ).

אינ קורצע ציפערנ קאָנ מענ ניט ווי געהעריק אויסדריקנ דעמ אופשטייג פונ אונדזער לאַנד, דעמ וווקס פונ דער פאָלקווירטשאַפט. אָבער אויכ די דאָזיקע ציפערנ מערקנ אָנ, ווי ריכטפּונקטנ, דעמ וועג.

דער אופשטייג פונ אונדזער ווירטשאַפט געפינט זיינ אַלגעמיינע אָפּשפּיגלונג אינ דעמ גרויסנ וווקס פונ דער פאָלק-האַכנאָסע. ווירקלעכ, די פאָלק-האַכנאָסע איז פאַר די פאַרגאַנגענע פיר יאָר אויסגעוואָקסנ פונ 35 מיליאַרד רובל ביז 56 מיליאַרד רובל אינ פאָריקנ יאָר, דאָס הייסט, זי האָט זיכ פאַרגרעסערט אָפּ 59 פּראָצענט. דער מעלוכע-ביודזשעט האָט זיכ פאַר דעמ זעלבנ פּעריאָד פאַרגרעסערט אינ 4,5 מאָל. אַזוי ווי אינ דעמ מעלוכע-ביודזשעט קומענ זיכ צונויפ די עקנ פונ דער גאַנצער פאָלק-ווירטשאַפט, געפינט אינעמ גרויסנ וווקס פונעמ מעלוכע-ביודזשעט איר אָפּשפּיגלונג די פאַרפעסטיקונג פונ אונדזער מעלוכע, אַלס אַנ איינהייטלעכע סיסטעמ, אַלס אַ סיסטעמ פונ פּלאַנישער ווירטשאַפט. די ציפערנ באַווייזנ ווייטער, אַז דאָס ספּעציפישע געוויכט פונ דער גרויס-אינדוסטריע האָט זיכ פאַר די פיר יאָר געהעכערט פונ 62 פּראָצענט ביז 74 פּראָצענט. דערמיט גופע איז נאָכ מער אויסגעוואָקסנ די פירנדיקע ראָליע פונ דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע. באַ די איצטיקע באַדינגונגענ איז דער דאָזיקער פאַקט די וויכטיקסטע פאָרהאַנאָכע ניט נאָר פאַרנ ווייטערדיקנ וווקס פונ דער אינדוסטריע גופע, נאָר אויכ פאַרנ פאַרשנעלערנ דעמ אופשטייג פונ דער לאַנדווירטשאַפט, ווי אויכ פונעמ טראַנספּאָרט, וואָס צו זיינ אָפּגעשטאַנענקייט דאַרפנ מיר מאַכנ אַ סאָפ.

דער אַלגעמיינער אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאַפט ווייזט זיכ אַרויס סיי אינ די גרונטיקע אינדוסטריע-צענטרענ, אונ סײַ אויכ אינ די נאָכ ביז ניט לאַנג אַבסאָליוט הינטערשטעליקע אונ ווייטסטע לאַנד-ווירטשאַפטלעכע ראַיאָנענ. אינ צוזאַמענהאַנג דערמיט דאַרפ מענ זאָגנ וועגנ דעמ באַזונדערס שנעלנ אינדוסטריעלנ וווקס פונ די מיזרעכ-ראַיאָנענ פונעמ פאַרבאַנד, ווי אויכ וועגנ דעמ, וואָס אייניקע פריער הינטערשטעליקע נאַציאָנאַליטעטנ האָבנ אָפּ דער באַזע פונ דער ראַטנמאַכט באַקומענ די מעגלעכקייט פאַר אַ שנעלנ ווירטשאַפטלעכנ אונ קולטורעלנ אופשטייג.

עס איז דערגאַנגענ די ריי אויכ צומ סאַמע ווייטסטנ ראַיאָנ פונ

אונדזער פארבאנד. טאקע אינעם באריכט-פעריאָד האָט דער ווייטמיזרעכדיקער קאנט אָנגעהויבנ וואקסנ מיט אויסערגעוויינלעכ שנעלע טעמפּנ. דאָס האָט א גרויסע באדייטונג פאר אונדזער לאנד. דער ווייטמיזרעכדיקער קאנט איז רייכ מיט נאטור-רעסורסנ אונ ער האָט א גרויסע צוקונפט. דער פארגאנגענער פעריאָד האָט באוויזנ, אז דער ראטנפארבאנד, וואָס האָט זיכ פארפעסטיקט, קאָנ שנעל באוועגנ פאָרויס די אנטוויקלונג אפילע פונ אזעלכע ווייטסטע אונ שווערע ראיאָנענ אינ טראנספּאָרט-היגזיכט. מיר האָבנ פאָרגעזעצט צו אנטוויקלענ דעמ רייכסטנ פיש- אונ קאָנסערוונ-וועזנ אפנ ווייטנ מיזרעכ, ווי אויכ די וואלד-ווירטשאפט. מיר האָבנ פאָרגעזעצט צו אנטוויקלענ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, וואָס זיינענ פאראנ אפנ ווייטנ מיזרעכ, דעמ טראנספּאָרט אונ די לאנדווירטשאפט. אָבער אויסער דעמ האָט זיכ דאָרט די לעצטע 3—4 יאָר פאנאנדערגעוויקלט א גרויסע נייע בויונג. מיט דערפאָלג פירנ מיר דורכ אפנ ווייטנ מיזרעכ א צווייטע ליניע לענגויס דעמ גאנצנ אייזנבאנ-וועג, וואָס ציט זיכ אפ 3,5 טויזנט ווערסט, אונ מיר האָבנ אָנגעהויבנ בויענ די גרויסע בייקאל-אמורער אייזנבאנ-מאגיסטראל. א גרויסנ שוווּנג האָט באקומענ די בויונג פונ נייע שאָסיי-וועגנ. אנטוויקלענדיק די פּאָרט-ווירטשאפט, אונ צוזאמענ דערמיט פארפעסטיקנדיק די עקזיסטירנדיקע באזע פונ דער שיפ-בויונג אפנ ווייטנ מיזרעכ, בויענ מיר א גרויסע שיפ-ווערפ ניט ווייט פונ דער לעפצונג פונעמ אמור אינ דער נייער שטאָט קאָמסאָמאָלסק. צוגלייכ מיט דער אנטוויקלונג פונ דער גאָלד-אינדוסטריע, ווי אויכ מיט דער שטיינקוילנ-אינדוסטריע, — האָבנדיק אינ אויג ניט בלויז די אלטע ראיאָנענ, נאָר אויכ דעמ רייכנ בורייער ראיאָנ, — טרעטנ מיר צו צו דער בויונג פונ א מעטאלורגישנ זאוואָד, מיר בויענ אנ אוויאציע-זאוואָד, א זאוואָד פונ נאפט-איבערארבעטונג, ווי אויכ אונטערנעמונגענ פונ דער שפּייזישער, לייכטער אינדוסטריע אונ וואלד-אינדוסטריע. אויסער דעמ וויקלט זיכ פאנאנדער שנעל אינ דער לאנדווירטשאפט די נעצ פונ מאשינטראקטער-סטאנציעס אונ עס פארפעסטיקט זיכ שטארק איר מאשינ-טעכנישע באזע. דערפונ איז צו זענ, ס'ארא גרויסע באדייטונג מיר גיבנ צו דעמ ווירטשאפטלעכנ אופשטייג פונעמ ווייטנ מיזרעכ.

איכ וועל אריבערגיינ צו באזונדערע צווייגנ פאָלקווירטשאפט.

א) דער אופשטײַג פונ דער אינדוסטריע

די ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ דער גרויסער אינדוסטריע איז פאר די פיר יאָר אויסגעוואָקסנ פונ 28 מיליארד רובל ביז 50 מיליארד רובל. דאָס הייסט, א פארגרעסערונג אפּ 80 פּראָצענט. באזונדערס שנעל איז געוואָקסנ די אינדוסטריע, וואָס פּראָדוצירט פּראָדוציר־מיטלענ. די ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ דער דאָזיקער אינדוסטריע איז פאר די 4 יאָר אויסגעוואָקסנ אינ צוויי מאָל. לאנגזאמער איז געגאנגענ די פארגרעסערונג פונ דער פּראָדוקציע פונ געברויכ־ארטיקלענ, אָבער אויכ דאָ האָבנ מיר א וווּקס אינ אָנדערהאלבנ מאָל.

פאָלגנדיקע טאבעלע באווייזט די טעמפּנ פונעם וווּקס פונ דער גרויס־אינדוסטריע פאר די לעצטע יאָרנ:

דער וווּקס פונ דער ברוטאָ־פּראָדוקציע פונ דער גרויס־אינדוסטריע

אינ די פּרײַזנ פונ 1926—1927

י אָ ר נ	די ברוטאָ־פּראָדוקציע אינ מיליארד רובל	דער צוּוווּקס פונ דער פּראָדוקציע אינ מיליארד רובל	אינ פּראָצענטנ צומ פאָריקנ יאָר
1929	21,2	+ 4,4	125,8
1930	27,8	+ 6,6	130,7
1931	34,2	+ 6,6	123,3
1932	38,8	+ 4,6	113,5
1933	42,2	+ 3,4	108,8
1934	50,0	+ 7,8	118,3
1935 (פּלאנ)	58,5	+ 8,5	117,0

די ציפערנ וועגנ די טעמפּנ פונעם וווּקס פונ אונדזער אינדוסטריע באווייזנ, אז נאָכ א געוויסער פארקלענערונג פונ די דאָזיקע טעמפּנ אינ די יאָרנ 1932—1933 האָבנ מיר אינ 1934 יאָר ווידער א באדײַ־

טנדיקנ אָנוווקס פונ די דאָזיקע טעמפּנ, דערביי דערגרייכט דער אַבסאָליוטער צוווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אינעם פאָריקנ יאָר 7,8 מיליארד רובל, וואָס מיר האָבנ ניט געהאַט אינ קיינ איינ פאָריקנ יאָר.

מיר האָבנ די פולע זיכערקייט, אַז אויכ די אויפגעבונג אפנ 1935 יאָר פונ א נייעמ צוווקס פונ דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע אפ 8,5 מיליארד רובל וועלנ מיר קאָנענ אויספילנ אונ מיר וועלנ אויספילנ.

אפנ צוזאמענפאָר שטייט דער באריכט־פאָרטראג פונעמ פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר שווערער אינדוסטריע, אינ וועלכנ עס וועט געגעבנ ווערנ דאָס פולע בילד פונ דער אנטוויקלונג פונ דער שווערער אינדוסטריע אינעמ באריכט־פּעריאָד. דעריבער וועל איכ זיינ קורצ.

פריִער פאר אלצ וועגנ דעמ זיג פונ דער שווארצער מעטאלורגיע. נאָכ גוואלדיקע אָנשטרענגונגענ האָבנ מיר אינעמ יאָר 1934 באקומענ א גרויסנ דערפאָלג אינ דער שווארצער מעטאלורגיע, וואָס מיר דארפנ אנערקענענ פאר אונדזער וויכטיקסטנ ווירטשאפטלעכנ אונ פּאָליטישנ דערפאָלג פונעמ פאָריקנ יאָר (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ). אינ רעזולטאט דערפונ האָט זיכ די טשוהונ־פּראָדוקציע אינ פארגלייכ מיטנ 1930 יאָר אויפגעהויבנ אפ 110 פּראָצענט אונ דערגרייכט 10,5 מיליאָנ טאָנ, וואָס פונ זיי באטרעפט בלויז דער צוווקס אליינ פארנ פאָריקנ יאָר — 3,3 מיליאָנ טאָנ. די שטאָל־פּראָדוקציע האָט זיכ אויפגעהויבנ אפ 66 פּראָצענט אונ דערגרייכט 9,6 מיליאָנ טאָנ, וואָס פונ זיי באטרעפט בלויז דער צוווקס אליינ פארנ פארגאנגענעמ יאָר 2,7 מיליאָנ טאָנ. די וואלצ־פּראָדוקציע האָט זיכ פארגרעסערט אפ 49 פּראָצענט אונ דערגרייכט 6,7 מיליאָנ טאָנ, וואָס פונ זיי באטרעפט בלויז דער צוווקס אליינ פארנ 1934 יאָר 1,8 מיליאָנ טאָנ. איצט האָבנ מיר מעטאל, איצט זיינענ מיר א מעטאליש לאנד (א פּ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

פאר אונדזער איצטיקער באדערפעניש אינ מעטאל, פארשטייט זיכ, איז דאָס אפילע אויכ ווייניק, באזונדערס פעלט וואלצ, אָבער עס איז קיינ סאָפעק ניט, אַז דאָס יאָר 1934 האָט דורכגעלייגט דעמ וועג צו ווייטערדיקע נאָכ גרעסערע דערפאָלגנ.

אינ דעמ אנומלטיקנ שמועס מיט די מעטאלורגנ האָט כאווער סטא־

ליגנ אונטערגעשטראָכנ די גרונט־אויפגאַבנ, וואָס שטייענ פאַר די מע־טאַלורגנ. די ראַזיקע אויפגאַבנ באַשטייענ אינ באַדייטנ־דיק אונטערצייענ די פּראָדוקציע פונ שטאָל אונ וואַלצ, קעדיי שטאָל זאָל ניט נאָר ניט בלײַבנ הינטערשטעליק פונ טשוהונ, ווי מיר האָבנ דאָס ביז איצט, נאָר שטאָל זאָל פאַרוואַנדלט ווערנ אינ דער פאַרגעשריטענער אונ פירנדיקער קראַפט פונ דער שוואַרצער מעטאַלורגיע. דאָס פאַרבע־סערנ די אַרבעט פונ די מאַרטענ־אונ וואַלצ־צעכנ, די פולשטענדיקע באַהערשונג פונ דער ראַזיקער זאַכ איז די אַקטועלע אויפגאַבע פאַר די טוער פונ דער שוואַרצער מעטאַלורגיע.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז געווענ א יאָר פונ גרויסע דערפאָלגנ אינ דער גאַנצער שווערער אינדוסטריע. דאָס האָט געפונענ זײַנ אויס־דריק דערינ, וואָס אינ דער שווערער אינדוסטריע אינגאַנצנ גענומענ איז דער פּלאַנ אויפנ 1934 יאָר ניט נאָר אויסגעפילט, נאָר אויכ איבערגע־שטיגנ געוואָרנ (101 פּראָצענט) (אַפּלאָדיסמענטנ). דאָס גיט א צו־וואוקס פונ דער פּראָדוקציע פונעמ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פונ דער שווע־רער אינדוסטריע פאַר דעמ פאַרגאַנגענעמ יאָר אַליינ אויפ 26,7 פּראָ־צענט. עס קאָנ קיינ סאָפעק ניט זײַנ, אַז די אויפגעבונג פאַר דער שווע־רער אינדוסטריע אויפנ יאָר 1935, וואָס פאָדערט א ווײַטערדיקע פאַר־גרעסערונג פונ דער פּראָדוקציע אויפ 19,3 פּראָצענט, וועט אויסגעפילט ווערנ דורכ די אָנשטרענגונגענ פונ די אַרבעטער, אינזשענערנ אונ ווירטשאַפטלעכע אָנפירער פונ דער שווערער אינדוסטריע.

די שווערע אינדוסטריע האַרפ אָבער אונטערצייענ די הינטערשטע־ליקע ראַיאָנענ פונ דער נאַפט־אינדוסטריע, די שטאַרק אָפּגעשטאַנענע קאָלירטע מעטאַלורגיע (קופּער, צינ א. אַנד.) אונ מיט אַלע מיטלענ באַוועגנ פאָרויס די מאַשינ־בויונג, אינ דער ערשטער ריי זיכערנ, עס זאָל אויסגעפילט ווערנ די אויפגעבונגענ פאַרנ אײַזנבאַנ־טראַנספּאָרט.

אינ פּראָדוצירנ געברויכ־אַרטיקלענ האָבנ מיר אינעמ באַריכט־פּעריאָד דערגרייכט א פאַרגרעסערונג פונ דער פּראָדוקציע אינ אָנדערהאַלבנ מאָל. אָנ סאָפעק, אַז דאָס איז א וויכטיקער דערפאָלג, אינ דער ער־שטער ריי, פונ דער שפּײַזישער אונ לייכטער אינדוסטריע.

פאַרנ לעצטנ יאָר האָט די שפּייז־אינדוסטריע געגעבנ א פאַרגרעסע־רונג פונ דעמ פּראָדוקציע־פאַרנעמ אויפ 21,4 פּראָצענט, אָבער דאָכ האָט

זי דעמ יאָר־פלאַנ ניט אויסגעפילט. די אינדוסטריע פונעמ פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פונ דער לייכטער אינדוסטריע האָט געגעבנ א פאַרגרעסערונג פונ דער פראָדוקציע פאַרנ לעצטנ יאָר סאַכאַקל אָפ 5,2 פראָצענט אונ האָט אויכ ניט אויסגעפילט דעמ פלאַנ. אָבער די דאָזיקע אינדוסטריע=צווייגנ ווערט אינעמ צווייטנ פינפיאָר=פלאַנ צוגעגעבנ א ספּעציעלע באַדייטונג. די אופגאַבע פונעמ צווייטנ פינפיאָר איז צו געבנ אזא פאַרגרעסערונג פונ די פראָדוציר־טעמפנ פונ זאַכנ פאַר פערזענלעכנ געברויכ, וואָס זאָלנ ניט נאָר ניט אָפשטיינ פונ די טעמפנ פונ דער שווערער אינדוסטריע, נאָר זאָלנ גיינ פאָרויס פונ די דאָזיקע טעמפנ.

אָבער די דאָזיקע אופגאַבע פילט אונדזער אינדוסטריע דערווייל ניט אויס. האַיאָר איז געשטעלט געוואָרנ די אופגאַבע צו פאַרגרעסערנ דעמ פראָדוקציע=פאַרנעמ פונעמ פאָלקס=קאָמיסאַריאַט פונ דער לייכטער אינדוסטריע אָפ 11,7 פראָצענט אונ פונעמ פאָלקס=קאָמיסאַריאַט פונ דער שפּייז=אינדוסטריע אָפ 14,8 פראָצענט. די אויספילונג פונ די דאָזיקע אופגעבונגענ מוז אומ יעדנ פרייז געזיכערט ווערנ.

דעמ איצטיקנ צושטאַנד אינ דער לייכטער אינדוסטריע קאָנענ מיר ניט אַנערקענענ פאַר צופרידנשטעליק. ניט לויט דער צאָל פראָדוקציע, וואָס זי פראָדוצירט, ניט לויט איר קוואַליטעט האָט זיכ די לייכטע אינדוסטריע דערווייל ניט ספראַוועט מיט די אופגאַבנ, וואָס זיינענ פאַר איר געשטעלט געוואָרנ אינעמ צווייטנ פינפיאָר. די באַוויירימ פונעמ פאָלקס=קאָמיסאַריאַט פונ דער לייכטער אינדוסטריע האָבנ דורכגעלאָזט ניט וויניק צייט אינ פאַנאַנדערוויקלענ דעמ קאַמפ פאַר א רעוואָרגבאַזע פאַר דער אינדוסטריע. זיי זיינענ א סאַכ אָפגעשטאַנענ פונ דער אויסלענדישער דערפאַרונג אינ פראַט פונ נייע מיטלימ רעוואַרג, וואָס ווערנ אָנגעווענדט אינ אַנדערע לענדער. דערופ קאָנ מענ ניט איינגיינ. מע דאַרפ אינ דער ווירקלעכקייט זיכערנ באָלשעוויסטישע טעמפנ פאַרנ וווקס פונ דער לייכטער אינדוסטריע.

בענעגייע דער שפּייז=אינדוסטריע דאַרפ מענ, צוגלייכ מיט דער אופגאַבע צו זיכערנ די געהעריקע טעמפנ פאַרנ - פראָדוקציע=פאַרנעמ, אונטערשטרייכנ די אופגאַבע צו קעמפנ פאַר דער וויטערדיקער פאַרבעסערונג פונ דער קוואַליטעט אונ אַסאָרטימענט פונ דער פראָ־

דוקציע. די באפעלקערונג האָט דאָס רעכט צו פאָדערנ פונ די טוער פונ דער שפייז־אינדוסטריע אינגאנצנ צו ליקווידירנ די העסלעכקייטנ פונ דעמ מינ, וואָס מע האָט ניט לאנג אופגעדעקט אינ די זאוואָדנ פונ דער קאָנסערוונ־אינדוסטריע. זיכערנ גוטע קוואליטעט אונ ריינקייט פונ דער פראָדוקציע אפ די נייע אונ באנייטע אונטערנעמונגענ פונ די לעצטע יאָרנ, ווי אויכ אפ די אלטע אונטערנעמונגענ פונ דער שפייז־אינדוסטריע—דאָס איז א וויכטיקע אונ אקטועלע אופגאבע. פונ די ערשטע דערפאָלגנ אינ אָט דער זאכ, באזונדערס אינ פאָריקנ יאָר, דארפנ מיר גיינ ווייטער אויסצופילנ די נאָכ ערנסטערע אופגעבונגענ.

קאמפ פאר קוואליטעט אינ דער גאנצער אינדוסטריע — וועגנ דעמ דארפ געדענקענ יעדער ווירטשאפטלער אונ יעדער ארבעטער.

אינ העסקעמ מיטנ באשלוס פונעמ XVII פארטיי־צוזאמענפאָר איז אפ א נייעמ אויפנ געשטעלט געוואָרנ די פראגע וועגנ אנטוויקלענ די אָרטיקע אינדוסטריע. מע קאָנ ניט זאָגנ, אז די דאָזיקע זאכ האָט זיכ שוינ א רוק געטאָנ פאָרויס ווי געהעריק, אָבער האיאָר איז אונדזער פליכט אלזײַטיק מיטצוהעלפנ פאנאנדערוויקלענ די דאָזיקע אינדוסטריע. אינ פראָדוצירנ סכוירעס פארנ מאסנ־געברויכ דארפ דער אָרטיקער אינדוסטריע געהערנ א בעקאָוועדיק אָרט.

ניט געקוקט אפנ באדײַטנדיקנ וווקס פונ דער וואלד־באארבעטנדיקער אינדוסטריע, פונ דער וואלד־כעמישער אינדוסטריע, פונ דער פאפיר־אינדוסטריע. א. אנד., וואָס זײַנענ אונטערגעוואָרפנ דעמ פאָלקס־קאָמיסאריאט פונ דער וואלד־אינדוסטריע, איז אויכ דאָ קאָנ מענ ניט אנערקענענ די דערגרייכונגענ פונעמ פארגאנגענעמ פעריאָד פאר צופרידנשטעליקע. באזונדערס אָפגעשטאנענ איז די ארבעט אפנ געביט פונ וואלד־פארגרייטונגענ אונ פונ געהילצ־ארויספירונג, ווו עס הערשנ אלטפרענקישע ארבעט־מעטאָדנ. די טוער פונ דער וואלד־אינדוסטריע האָבנ ניט פארשטאנענ די לעקציעס פונ די לעצטע יאָרנ, וואָס מיר האָבנ געהאט, צומבײַשפיל, אינ דער קוילנ־אינדוסטריע פונעמ דאָנבאס. אָנשטאָט פאנאנדערצוויקלענ דעמ קאמפ פאר דער מעכאניזאציע פונ די געהילצ־פארגרייטונגענ אונ פונ דער געהילצ־ארויספירונג אונ זיכערנ דעמ דאָזיקנ וועזנ מיט מעכאניזמענ אונ מיט שטענדיקע קאדרענ טוער, זיי־

נעג די טוער פונ פאָלקאָמוואלד געגאנגענ אפנ אלטנ, אויסגעטראָטענעם וועג.

פארשטייט זיכ, אז אינ רעזולטאט דערפונ טאָפטשענ זיי זיכ די לעצטע צייט אפ איינ אָרט, אנשטאָט צו באוועגנ פאָרויס דעמ וואַלדוועזנ. די פארטיי אונ די רעגירונג האָבנ איצט פאר זיי געשטעלט אינ דער גאנצער גרייס די אופגאבע פונ מעכאניזאציע. אונ עס איז נייטיק, אז די טוער פונ דער וואלד־אינדוסטריע זאָלנ זיכ ענדלעכ א נעמ טאָנ אפ א באָלשעוויסטישנ אויפנ פאר דער דאָזיקער זאכ.

אפ וויפל די אופגאבע פונ מעכאניזאציע שטייט בא אונדז שארפ פאר א ריי אינדוסטריע־צווייגנ — קוילנ, טאָרפ, וואלד, ווי אויכ פאר אונדזער גאנצער בויונג,—דארפנ די גאנצע אינדוסטריע אונ אלע טוער דיסקאָנטירנ די פאָזיטיווע דערפארונג פונ דאָנבאס אונ די נעגאטיווע לעקציעס פונעמ פאָלקאָמוואלד. פארשטייט זיכ, אז אלס ערנסטע באַציונג צו דער מעכאניזאציע קאָנ מענ רעכענענ בלויז אזא ארבעט, בא וועלכער די מעכאניזמענ ווערנ אויסגענוצט אינ דער געהעריקער מאָס אונ עס ווערט געפירט אנ איינגעשפארטע ארבעט צו שאפנ די אנטשפרעכיקע קאדרענ.

מיר האָבנ שוינ געשאפנ א מעכטיקע אינדוסטריע. מיר האָבנ אריינגעלייגט אינ דער אינדוסטריעלער בויונג בלויז פאר די לעצטע 4 יאָר 39,4 מיליארד ר. א סאכ פונ די זאוואָדנ, פאבריקנ אונ עלעקטרישע סטאנציעס זיינענ שוינ אריינ אינ דער אָפעראטיווער ארמיי פונ דער אינדוסטריע. אפנ יאָר 1935 ווערט פונ דעמ אלגעמיינעמ פלאנ קאפיטאלע ארבעטנ פונ 21 מיליארד אונ 190 מיליאָנ רובל אָפגעגעבנ 10,5 מיליארד רובל אפ דער אינדוסטריעלער בויונג. מיר זעצנ פאָר די אינדוסטריעלע בויונג מיט גיגאנטישע טעמפנ אונ מיר מוזנ פאָדערנ אנ ערנסטע פארבעסערונג אינ דער ארבעט פונ די בויער. שוינ צייט צו זיכערנ אונדזערע בויונגענ מיט גוטע פראָיעקטנ אונ סמעטעס, איינפירנ ברייט אינ דער בויונג די מאשינ אונ זיכערנ א לייטישע ארבעט פונ די בוי־מעכאניזמענ. אינ דעמ בויוועזנ דארפ מענ זיכ שטיצנ אפ שטאנדהאפטיקע קאדרענ, אפ גוטע אָרגאניזאטאָרנ אונ איינשטעלנ א שטרענגנ קאָנטראָל איבער דעמ קאָסטנ פונ דער בויונג — מיט איינ וואָרט, אריבערגייג צו א קולטורעלער ארבעט. מע דארפ

פארשטײנ, אז דער צוגרײטונג-פעריאד איז שוינ אויכ דא אריבער, אונ אונדזערע פאדערונגענ צו די בויער זײנענ איצט ניט די זעלבע, ווי פריער. אויב מיר וועלנ דערפונ מאכנ די נײטיקע פראקטישע אויס-פירנ, וועלנ מיר אײנשפארנ מיליארדנ רובל, וועלנ מיר ליקווידירנ די הינטערשטעליקײט פונ א רײ אינדוסטריע-צווײגנ, וואס נײטיקנ זיכ אינ נײע אונטערנעמונגענ, אונ מיר וועלנ זיכערנ דעם ווײטערדיקנ וווקס פונ די אינדוסטריע-טעמפנ.

ב) דער אופשטײג פונ דער לאנדווירטשאפט

איצט קאנ מענ שוינ זאגנ, אז די קאלעקטיוויזאציע פונ דער לאנד-ווירטשאפט בא אונדז אינ לאנד איז אינ גרונט פארענדיקט. 4/5 פונ די פויערישע ווירטשאפטנ זײנענ צומ אנהויב יאר 1935 פארײניקט אינ קאלווירטנ, 9/10 פונ די פארזײ-שעטעכנ געהערנ אינ פססר צו די קאלווירטנ אונ ראטווירטנ. דאס אינדיווידועלע פויערטומ איז מיטנ גאנג פונ די געשעענישנ אפגערוקט געווארנ אפ א צווײטראנגיק ארט אונ שפילט אינ דער לאנדווירטשאפט אנ אלצ זיכ פארקלענערנדיקע ראליע. די קאלווירטנ פעסטיקנ זיכ אונ זײ קענענ זיכ שוינ נעמענ פאר גרויסע אופגאבנ.

א באשליסנדיקע באדײטונג אינ ארגאניזירנ אונדזערע קרעפטנ אינ דארפ האט די לעצטע צײט געהאט די ארבעט פונ די פאליטאפטײלנ פונ די מטס. אפ וויפל אבער די דערפארונג האט באוויזנ, אז צוליבנ וווקס פונ אונדזערע אופגאבנ אינ דארפ זײנענ די פאליטאפטײלנ שוינ ניט גענוג, האט די פארטײ אנערקענט פאר נײטיק צו רעארגאניזירנ די פאליטאפטײלנ פונ די מטס אינ געווײנלעכע פארטײ-ארגאנענ אונ פארפעסטיקנ מיט אלע מיטלענ די ראיקאמענ פונ דער פארטײ.

וועגנ דעם אופשטײג פונ דער לאנדווירטשאפט אינגאנצנ גענומענ איז מעגלעכ געווארנ צו רײדנ ערשט נאכנ פארענדיקנ דעם רעארגא-ניזיר-פעריאד, ווענ די גרונט-מאסע קאלווירטנ האט זיכ מער-ווײניקער שוינ פארפעסטיקט. עס איז באוווסט, אז אינ פארלויפ פונ א רײ יארנ, וואס געהערנ צומ רעארגאניזיר-פעריאד, ביזנ סאמע 1934 יאר, האבנ מיר געהאט א זיכ אלצ פארשטארקנדיקע יערידע פונ דער פי-

צוכט. דאָס האָט שטארק פארהאלטנ דעמ וווקס פונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פונ דער גאנצער לאנדווירטשאפט.

פונעמ יאָר 1933, ווענ דער רעאָרגאניזיר-פּראָצעס אינ דער לאנדווירטשאפט האָט זיכ פארענדיקט, האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאָנטיקער אופשטייג פונ די קערנערשע אונ טעכנישע קולטורנ. פריער פאר אלצ באציט זיכ דאָס צו די קערנער-קולטורנ. אינ רעזולטאט דערפונ איז שוינ אינ 1933 יאָר דער ברוטאָ-אראָפּנעמ פונ ברויט געווענ אפ 590 מיליאָנ פּוד מער, ווי דער ברוטאָ-אראָפּנעמ פונ דער זעלבער טעריטאָריע (אינ די גרענעצנ פונ פססר) אינעמ יאָר 1913, וואָס רעכנט זיכ פאר אנ אויסערגעוויינלעכ גערעטעניש-יאָר. אינעמ 1934 יאָר איז די אלגעמיינע גערעטעניש פונ די קערנער-טוועס אינעמ פארבאנד פארבליבנ אפנ ניוואָ פונ 1933, דאָכ איז דער פאקטישער ברויט-אראָפּנעמ אינעמ פאָריקנ יאָר אינ רעזולטאט פונ פארקלענערנ די פארלוסטנ באמ אראָפּנעמ געווענ אפ 250—300 מיליאָנ פּוד מער, ווי אינ 1933 יאָר. מע דארפ זיכ רעכענענ באמ פארגלייכנ מיטנ 1913 יאָר אויכ מיט אזא אומשטאנד: אינ 1913 יאָר האָט מענ קיינ אויסלאנד ארויסגעפירט העכער 600 מיליאָנ פּוד ברויט, אונ אינ 1934 יאָר בלויז 60 מיליאָנ פּוד, אונ דאָס גאנצע איבעריקע ברויט איז פארבליבנ אינ לאנד גופא פאר אונדזער באפעלקערונג. אָט די דערפאָלגנ פונ דער סאָציאליסטישער ערד-ארבעט האָבנ אונדז עס געגעבנ די מעגלעכקייט אָפּצושאפנ די ברויט-קארטלעכ.

דער אופשטייג פונ די טעכנישע קולטורנ גייט בא אונדז פאָרויס א סאכ לאנגזאמער. די פּראָדוקציע פונ די טעכנישע קולטורנ איז פאר די לעצטע צוויי יאָר אויסגעוואָקסנ בלויז אפ 5,2 פּראָצענט. באזונדערס האלט אונדז דאָ אָפּ די נידעריקע גראָטנקייט.

ניט געקוקט דערופ, האָבנ די לעצטע צוויי יאָר שוינ אָפּגעשפּיגלט דעמ אָנהייב פונעמ אלגעמיינעמ אופשטייג אינ דער לאנדווירטשאפט.

האיאָר האָבנ מיר געשטעלט די אופגאבע צו פארגרעסערנ באדייטנדיק די פּראָדוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט אינ אלע אירע צווייגנ. אינ דעמ דאָזיקנ יאָר דארפנ מיר זיכ דערשלאָגנ א פארגרעסערונג פונ דער ברוטאָ-פּראָדוקציע פונ דער לאנדווירטשאפט אפ 2,5 מיליארד רובל, דאָס הייסט, א פארגרעסערונג אפ 16,4 פּראָצענט. אז

די לאַנדווירטשאַפט וועט זיכ דערשלאָגנ אזא וווּקס, וועט זי לויט אירע אופשטייג־טעמפנ גיינ אינ איינ טראָט מיט דער אינדוסטריע. דאָס אנטשפרעכט די אופגאַבנ, וואָס זיינענ געשטעלט געוואָרנ דורכנ צווייטנ פינפיאָר. די דאָזיקע אופגאַבע איז א גרויסע אונ א שווערע, אָבער זי איז ווירקלעכ ווערט דאָס נייע, קאָלווירטישע דאָרפ, זי איז אָנגעמאָסטנ פאַר דער סאָוועטישער ערד.

די וויכטיקסטע אופגאַבע פאַר דער לאַנדווירטשאַפט איז איצט דער אופשטייג פונ דער פיצוכט. אפנ XVII פאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט כ' סטאַלינ געשטעלט פאַר אונדז אונ פאַרנ גאַנצנ קאָלווירטישנ דאָרפ די אופגאַבע צו זיכערנ דעמ איבערבראָכ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט שוינ אינ 1934 יאָר. איצט קאָנענ מיר זאָגנ, אז דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז ווירקלעכ געווענ דער אָנהייב פונעמ דאָזיקנ איבערבראָכ.

אינ מיינ רעשום זיינענ פאַראַנ די אָקאָרשט באַקומענע ציפערנ פונ דער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פונעמ פאָלקווירטשאַפטלעכנ דיסקאָנט וועגנ דער ציילונג פונ דער פיצוכט, וואָס מע האָט דורכגעפירט דעמ 1־טנ יאַנוואַר 1935 יאָר. די דאָזיקע אָנגאַבנ זיינענ נאָכ ניט קיינ פולע, זיי נעמענ ניט אריינ די ראַטווירטנ, זיי באַציענ זיכ בלויז צומ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער. די דאָזיקע אָנגאַבנ באַציענ זיכ צומ צאָפנ־קאַנט, צומ גאָרקער, סאַראַטאָווער, סטאַלינגראַדער, אזאָוו־שוואַרציאַמישנ אונ מיירעוו־סיבירער קאַנטנ, צו דער מאָסקווער, איוואַנאָווער געגנטנ, צו דער מיירעוו־געגנט, צו סווערדלאָווסקער, קורסקער אונ וואָראָניעזשער געגנטנ, צו באַשקיריע, טאַטאַריע, קרימ אונ אוקראַינע, אָבער זיי גיבנ שוינ די מעגלעכקייט צומ אורטיילנ וועגנ דעמ איבערבראָכ, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ 1934 יאָר אינ דער פיצוכט אינגאַנצנ גענומענ.

באַמ פאַרגלייכנ מיט די אנטשפרעכיקע אָנגאַבנ פונעמ דיסקאָנט אפנ 1־טנ יאַנוואַר פונ יאָר 1934 באַווייזנ די אָנגאַבנ אפנ 1־טנ יאַנוואַר 1935 יאָר, אז פאַרנ פאָריקנ יאָר האָט זיכ אינ די קאָלווירטנ פאַרגרעסערט די צאָל פערד אפ 8,5 פראָצענט, כאָטש אינגאַנצנ גענומענ איז אינ דעמ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער נאָכ געווענ א געוויסע פאַרקלענערונג פונ דער טשערעדע (אפ 3 פראָצענט). אינ גרוי־

סע האָרנ־פּי איִז פאָרנ פאַריקנ יאָר דערגרייכט געוואָרנ א פאַר־ גרעסערונג בא די קאָלווירטנ אפ 30 פראָצענט און אינגאנצנ אינעמ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער — אפ 21 פראָצענט; אינ קעלבער איז בא די קאָלווירטנ געווענ א פארגרעסערונג מער ווי דאָפּלט, און אינעמ גאנצנ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער—אפ 94 פראָצענט. אינ שעפּסנ און ציגנ איז בא די קאָלווירטנ געווענ א פארגרעסערונג אפ 18 פראָצענט, און אינעמ גאנצנ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער — א פארגרעסערונג אפ 11 פראָצענט. אינ כאזיירימ איז בא די קאָלווירטנ געווענ א פארגרעסערונג אפ 27 פראָצענט, און אינעמ גאנצנ קאָלוויר־טיש־פויערישנ סעקטער א פארגרעסערונג אפ 118 פראָצענט, ווייל אינ דער אינדיווידועלער ווירטשאפט פונ די קאָלווירטניקעס איז די כאזיי־רימ־טשערעדע אויסגעוואָקסנ אינ פאַריקנ יאָר קימאט אינ 4 מאָל.

אזויארומ באווייזנ די אָנגאבנ פונ דער ציילונג פונ 1935 יאָר א באדייטנדיקנ שריט פאָרויס אינ דער אנטוויקלונג פונ דער פיצוכט אי־נעמ קאָלווירטיש־פויערישנ סעקטער און, באזונדערס, אינ די קאָלווירטנ. די יערידע פונ דער פיצוכט איז שוינ א פאַריבערגעגאנגענע סטאַדיע. מיר האָבנ אנ אָנהייב פונעמ אופשטייג פונ דער פיצוכט און האָר דארפנ מיר די דאָזיקע זאכ א רוק טאָנ ווי געהעריק פאָרויס אפנ גרונט פונעמ מעלוכישנ פּלאנ פונ אופהייבנ די פיצוכט, פארפעסטיקנ־דיק מיט אלע מיטלענ די קאָלווירטישע פיצוכט־פערמעס און מיט־העלפנדיק דעמ ווּקס פונ פי און אויפעס בא די איינצלנע קאָלווירטני־קעס. די ראטווירטנ דארפנ אינ אָט דעמ אופשטייג פונ דער פיצוכט פארנעמענ זייער אָרט, וואָס דער פּלענומ פונעמ צק פונ דער פארטיי האָט אָנגעוויזנ. די דאָזיקע פראגנ ווּעלנ אפנ צוזאמענפאָר געווידמעט ווערנ ספּעציעלע פאָרטראגנ פונעמ פאָלקסקאָמיסאריאט פונ ערד־ארבעט און פונעמ פאָלקסקאָמיסאריאט פונ די ראטווירטנ.

ניט נאָר בענעגייע דער פיצוכט, נאָר אויכ בענעגייע די טווּעס און טעכנישע קולטורנ שטייענ פאר אונדז נייע, גרעסערע אופגאבנ, ווי אינ די פאַריקע יאָרנ. אונדזער לאנדווירטשאפט איז איצט באוואָ־פנט מיט לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, מיט טראקטערס, קאָמבײַנענ און אווטאָמאָבילנ, ווי קיינמאָל ניט פריער, און מיר מוזנ זיכ דער־

שלאָגן אַנדערע, אַ סאַך העכערע, ווי אינעם פאַרגאַנגענעם פּעריאָד, אויפשטייג־טעמפּן פון דער לאַנדווירטשאַפט.

גאָר ניט לאַנג פלעגט אונדז נאָכ אויסקומען אַרײַנצופירן צענדליקער טויזנטער טראַקטערס פון אויסלאַנד. בלויז אפן אַרײַנפיר פון די דאָזיקע טראַקטערס, וואָס מיר האָבן אַרײַנגעפירט אין פאַרלויפ פון 1922—1931 יאָרן, סאַכאַקל 86 טויזנט שטיק, האָט אונדזער מעלוכע אויסגעגעבן העכער 200 מיליאָן גאָלד־רובל, פאַרשטייענדיק, אַז דאָס איז דעמלט געווען נייטיק. קעדיי אָפּצושאַצן די דאָזיקע הויצאָע פון דער מעלוכע, איז גענוג צו זאָגן, אַז פאַראַיאָרן, ווען אין אויסלאַנד האָט מען געקאָנט לייזן פונעם פאַרקויפן אַ פוד ווייץ 48 קאָפּעקעס גאָלד, און פונעם פאַרקויפן אַ פוד קאָרן 27 קאָפּעקעס גאָלד, וואָלטן מיר געקאָנט אויסקויפן די דאָזיקע הויצאָע אפ טראַקטערס בלויז מיט פאַרקויפן אין אויסלאַנד 500 מיליאָן פוד ברויט.

פון דעמלט אָן האָט זיכ די לאַגע געענדערט. מיר האָבן אויסגעבויט אונדזערע אייגענע טראַקטער־זאַוואָדן, און אינעם פאַרגאַנגענעם יאָר אַליין האָבן מיר אין זיי פּראָדוצירט 93,5 טויזנט טראַקטערס. אינעם באַריכט־פּעריאָד האָבן מיר שוין געגעבן דער לאַנדווירטשאַפט (די קאָלווירטן און די ראַטווירטן) ניט איין הונדערט טויזנט טראַקטערס און אַנדערע מאַשינעס. אין פאַרלויפ פון 1935 יאָר דאַרפן מיר געבן בלויז די מאַשינטראַקטערנע סטאַנציעס 68,5 טויזנט טראַקטערס, 10 טויזנט אויטאָמאַשינעס, 14,6 טויזנט קאָמבײַנען און פיל אַנדערע נייטיקסטע מאַשינעס און געצייג. מע דאַרפ בלויז זיכ אויסלערנען גוט אויסנוצן די דאָזיקע מאַשינעס, דעמלט וועט דאָס דאָרפ אָנהייבן לעבן פאַרמעגלעכ און קולטורעל.

די מעלוכע, פון איר זײַט, האָט זיכ גערעכנט מיט די ערנסטע שוועריקייטן, מיט וועלכע די קאָלווירטן איז אויסגעקומען זיכ צו טרעפן די ערשטע צייט. דערמיט דערקלערט זיכ, וואָס בלויז פאַר די פאַרגאַנגענע 4 יאָר האָט מען די קאָלווירטן אַרויסגעגעבן אַ האַלוואָע פון 262 מיליאָן פוד טוווּע. לויטן אַנומלטיקן באַשלוס פון דער פּאַרטיי און רעגירונג זײַנען אַראָפּגעשריבן געוואָרן די געלט־כויוועס פון די קאָלווירטן ביזן 1־טן יאַנוואַר פון 1933 י. סאַכאַקל אפ אַ סומע פון

435,6 מיליאָנ רובל. אינ די דאָזיקע יאָרנ האָט מענ די קאָלווירטנ ארויסגעגעבנ געלט־קרעדיט אפ 1 מיליארד 168 מיליאָנ רובל, ספּעציעל פאר די אָנבעהיימעסדיקע קאָלווירטניקעס—73 מיליאָנ רובל. 4 מיליארד 800 מיליאָנ רובל איז ארויסגעגעבנ צו אָרגאניזירנ מאשינטראקטערנע סטאנציעס. מיר ווייסנ, אז די דאָזיקע הילפ פונ דער מעלוכע פאר די קאָלווירטנ וועט זיכ דעקנ אינ הונדערט מאָל אזויפיל (אפּלאָדיסמענטנ).

דאָס יאָר 1934 איז געווענ דאָס ערשטע יאָר, ווענ איבערנ גאנצנ פראָנט פונ די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטנ אינ די קאָלווירטנ האָט זיכ אָנגעמערקט א באדייטנדיקע פארבעסערונג — עס האָבנ זיכ באדייטנדיק פארקלענערט די פארזיי־טערמינענ, עס האָט זיכ פארשנעלערט דער טוווע־אראָפּנעמ, די אופאקערונג פונ פריר־ערד האָט שטארק א שפּאנ געטאָנ פאָרויס, דעמ ריינעמ שווארצברוכ האָט מענ אָנגעהויבנ צוגעבנ די געהעריקע באדייטונג, עס האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט די דורכיעטונג פונ קערנער־קולטורנ, אונ דערצו גיט נאָכ צו די ערשטע דערפאָלגנ אינעמ קאמפ קעגנ די פארלוסטנ ביים אראָפּנעמ אונ נאָכנ אראָפּנעמ. דעמלט וועט פארשטענדלעכ ווערנ, וואָס, ניט געקוקט אפ דער ערנסטער פארטריקעניש אינ גאנצ דאָרעמ־אוקראינע, איז אונדז געלונגענ פאָריקס יאָר פאקטיש צונויפצוזאמלענ אפ 250—300 מיליאָנ פוד טוווע מער, ווי אינעמ יאָר פונ הויכער גערעטעניש, אינ 1933 יאָר.

פונ אנדערע דערפאָלגנ אינ דער לאנדווירטשאפט דארפ מענ פארצייכענענ די אנטוויקלונג פונ דער לאנדווירטשאפט, וואָס האָט זיכ פארשטארקט אינ דער אזוי־גערופענער געברויכערישער זאָנע, אונ די באדייטנדיקע איבערקערונג פונ ווייצ אינ נייע ראיאָנענ: אינ מאָסקווער, איוואנאָווער, לענינגראדער געגנט אונ מערעוו־געגנט, אינ גאָרקער קאנט אונ צאָפנ־קאנט, אינ ווייסרוסלאנד.

פאר דער סאמע וויכטיקסטער אופגאבע פונ דער לאנדווירטשאפט דארפ מענ איצט האלטנ, אויסער דעמ אופשטייג פונ דער פיצוכט, די העכערונג פונ דער גערעטעניש פונ די טוווע אונ טעכנישע קולטורנ. מיט דער איצטיקער גערעטעניש פונ בוימוואָל, לייַנ, בורעקעס, ווי אויכ פונ די טוווע קאָנ מענ ניט זיינ צופרידנ. עס איז געקומענ די

צייט די דאָזיקע זאַכ ווי געהעריק א רוק טאָנ פאָרויס, שטיצנדיק זיכ אַפ דער גרויסער קראַפט פונ די קאָלווירטנ אונ ראַטווירטנ.

אונדזערע ראַטווירטנ דאַרפנ, סאָפקאָלסאָפ, אויספילנ די ראָליע פונ פירנדיקע אונטערנעמונגענ אינ דער לאַנדווירטשאַפט אונ ענדגילטיק ליקווידירנ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַרנאַכלעסיקטקײט אונ דאָס ניט קענענ אויסנוצנ די טעכניק, וואָס מע האָט זיי געגעבנ, ווי אויכ די גרויסע מעלוכישע רעסורסנ. מיר פאַרבלייבט אונטערצושטרײַכנ די פאַראַנטוואָרטלעכקײט פונ דעמ אָנפירנדיקנ באַשטאַנד פונ די ראַטווירטנ פאַר דער אַרבעט, וואָס מע האָט זיי אָנפאַרטרויט.

ג) דער אופשטײַג פונעמ סכוירע־אומזאַצ

פאַרנ פעריאָד פונ די יאָרנ 1930—1934 האָט זיכ דער סכוירע־אומזאַצ באַ אונדז פאַרגרעסערט פונ 20 ביז 61 מיליאַרד רובל, דאָס הייסט, אינ דריי מאָל. דער פריוואַט־סעקטער אינעמ האַנדל איז ליקווידירט. די מעלוכישע האַנדל־נעצ אונ קאָאָפעראַטיווע נעצ איז באַדייטנדיק אויסגעוואַקסנ, באַזונדערס שנעל איז געוואַקסנ דער מעלוכישער האַנדל.

כ׳ סטאַלינ האָט געגעבנ א בוילעטע כאַראַקטעריסטיק פונ די אופגאַבנ פאַנאַנדערצווויקלענ דעמ סכוירע־אומזאַצ. ער האָט געזאָגט:

„קעדיי דאָס עקאָנאָמישע לעבנ פונעמ לאַנד זאָל קענענ שלאָגנ ווי א קוואַל, אונ די אינדוסטריע אונ די לאַנדווירטשאַפט זאָלנ האָבנ א סטימול פאַרנ ווייטערדיקנ וווּקס פונ זייער פראָדוקציע, דאַרפ מענ האָבנ נאָכ איינ באַדינג, אונ נעמלעכ,— א פאַנאַנדערגעוויקלטנ ס כ ו י ר ע ־ א ו מ ז א צ צווישנ שטאָט אונ דאָרפ, צווישנ די ראַיאָנענ אונ געגנטנ פונעמ לאַנד, צווישנ די פאַרשיידענע צווייגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט. עס איז נייטיק, אַז דאָס לאַנד זאָל זײַנ באַדעקט מיט א רייכער נעצ האַנדל־באַזעס, מאַגאַזינענ, קראָמענ. עס איז נייטיק, אַז איבער די קאַנאַלנ פונ די דאָזיקע באַזעס, מאַגאַזינענ, קראָמענ זאָלנ צירקולירנ אָנ אָפשטעל סכוירעס פונ די פראָדוציר־ערטער צומ געברויכער. עס איז נייטיק, אַז אינ דער דאָזיקער זאַכ זאָלנ אַרײַנגעצויגנ ווערנ אי די מעלוכישע האַנדל־נעצ, אי די קאָאָפעראַטיווע האַנדל־נעצ, אי די אָרטיקע אינדוסטריע, אי די קאָלווירטנ, אי די אינדיווידועלע פויערימ.

אָט דאָס טאקע רופט זיכ בא אונדז אָנ פאנאנדערגעוויקלטער *סאָוועטישער האנדל*, א האנדל אָנ קאפיטאליסטנ, א האנדל אָנ ספעקוליאנטנ.

ווי איר זעט, איז די פאנאנדערוויקלונג פונעמ סאָוועטישנ האנדל די אקטועלסטע אויפגאבע, וואָס אָנ איר לייזונג איז אוממעגלעכ צו באוועגנ זיכ פאָרויס".

די דאָזיקע אָנווייזונגענ דעמ כ' סטאלינס באקומענ א באזונדערס גרויסע באדייטונג נאָכ די לעצטע באשלוסנ וועגנ אָפּשאפנ די קארט־לעכ־סיסטעמ אפ ברויט. איצט ווערט דורכגעפירט א פראקטישע דורכ־קאָנטראָלירונג וועגנ דער פייִקייט פונ אונדזער האנדל־סיסטעמ, וואָס איז געשאפנ געוואָרנ פונ דער ראטנ־מעלוכע, צו לייזנ די גרעסטע אָר־דנטלעכע אויפגאבנ אינ דער פאנאנדערוויקלונג פונעמ סכוירע־אומזאצ.

א סאכ געווינהייטנ וועט אונדזערע טוער פונעמ מעלוכישנ אונ קאָאָ־פעראטיוונ האנדל אויסקומענ אָוועקצוווארפנ, אינ איינציקע זאכנ וועט אויסקומענ ערנסט זיכ איבערצולערנענ. דאָס אלצ וועלנ זיי קאָנענ טאָנ בלויז אינ דעמ פאל, אויב זיי וועלנ פארשטיינ די פעלערנ פונ דער פריערדיקער פארטיילונג־סיסטעמ אונ וועלנ זיכ רעכענענ מיט דער שטימ פונעמ געברויכער, אויב זיי וועלנ אויסנוצנ די בעסערע עלעמענטנ פונ דעמ קאָמערציעלנ האנדל, וואָס האָט זיכ די לעצטע יאָרנ אנט־וויקלט, אונ וועלנ ווירקלעכ מאכנ אונדזער האנדל פאר א קולטורעלנ, ווירדיקנ פאר דער ראטנ־מעלוכע.

ד) דער אופשטייג פונעמ טראנספּאָרט

אינעמ באריכט־פעריאָד האָט זיכ דער פראכט־פארקער איבער די אייַזנבאנענ פארגרעסערט אפ 32 פראָצענט, אונ איבערנ וואסער־טראנס־פאָרט אפ 27 פראָצענט. ניט געקוקט אפ דעמ אָנגעוויזענעמ וווּקס פונעמ פראכט־פארקער, באווייזנ די דאָזיקע ציפערנ דאָס גרויסע אָפּ־שטייג פונעמ טראנספּאָרט פונעמ וווּקס פונ דער פאָלקווירטשאפט. אינ רעזולטאט איז דער טראנספּאָרט געוואָרנ דאָס סאמע ענגע אָרט אינ אונדזער ווירטשאפט.

דאכט זיכ, אז מיט א יאָר צוריק האָט דער XVII פארטיי־צוזא־מענפאָר געמאכט אנ ערנסטע וואָרענונג אונדזערע טראנספּאָרטלער,

אָבער מע קען ניט זאָגן, אז די טראַנספּאָרטלער האָבן פארשטאַנען די
באַדייטונג פון דער דאָזיקער וואָרענונג.
פון דעמלט אָן האָבן מיר זיך דערשלאָגן א געוויסע פארבעסערונג
אין דער ארבעט פון די אייזנבאַנען און פונעם וואסער־טראַנספּאָרט.
דער פראַכט־פּאַרקער איבער די אייזנבאַנען האָט זיך פאַרן 1934 יאָר
פאַרגרעסערט אַף 17 פּראָצענט, ווען אין פאָריקן יאָר האָט ער זיך
פאַרגרעסערט ווייניקער ווי אַף איין פּראָצענט, אָבער דער פּלאַן, וואָס
איז איינגעשטעלט געוואָרן פאַר די טראַנספּאָרטירונגען איבער די איי־
זנבאַנען, ווערט סיסטעמאַטיש אָראָפּגעריסן. און דער אַזוי אויך גרוי־
סער פּראָצענט פונעם פּירן ליידיקע וואַגאָנעס אין דער אַלגעמיינער
באַוועגונג פון די וואַגאָנעס איבער דער אייזנבאַן־נעץ האָט זיך אין
יאָר 1934 ניט נאָר ניט פאַרקלענערט, נאָר אַפילע זיך פאַרגרעסערט אין
פאַרגלייך מיטן פאָריקן יאָר. מיר לייענען די טעגלעכע איבערזיכטן ווע־
גן דער ארבעט פון באַזונדערע אייזנבאַן־ליניעס און מיר זעען, אַז בא
זיי האָט נאָך ניט אויפגעהערט די הוידעניש אין דער ארבעט. מ׳טוט
פאַרפעסטיקן די קאַדרען און מיטן פאַרבעסערן זייער קוואַליפיקאַציע
גייט די זאַך לאַנגזאַם. קיין געהעריקע דיסציפּלין אַף די אייזנבאַנען
איז נאָך אין פיל פאַלן ניטאָ. דער טראַנספּאָרט גייטיקט זיך מער פאַר
אַלץ איצט אין סאָלידאַרער ארבעט פון דער גאַנצער מאַסע טוער
זיינע און באַזונדערס — אין אַן עכטער באָלשעוויסטישער אָנפירונג.
דאָס יאָר 1935 דאַרף זיין א יאָר פון אַן ערנסטן איבערבראָך צום
בעסערן אין דער ארבעט פונעם אייזנבאַן־טראַנספּאָרט. דער ראַטנ־
צוזאַמענפאָר דאַרף דאָס פאָדערן פון אַלע אייזנבאַנער און פריער פאַר
אַלץ פונעם קאָמאַנדירן־באַשטאַנד, פונעם פאָלקסקאָמיסאַריאַט פונעם
וועג־פאַרקער. די פּאַרטיי און די רעגירונג האָבן געהאַלטן און האַלטן
פאַר זייער סאַמע ערנסטער אויפגאַבע די זאָרג וועגן די נויט־באַדערפע־
נישן פונעם טראַנספּאָרט און פון די טראַנספּאָרטלער. אין דער הינ־
זיכט איז אינעם פאָריקן יאָר ניט ווייניק אויפגעטאָן געוואָרן.
האַיאָר באַקומט דער טראַנספּאָרט פון דער מעלוכע גייע גרויסע מיט־
לען פאַר זיין בויונג און טעכנישער רעקאָנסטרוקציע. דער באַוועגלעכער
באַשטאַנד, וואָס איז העכסט אָפּגעשטאַנען פון די איצטיקע פאָ־
דערונגען, וועט באַדייטנדיק פאַרגרעסערט ווערן. דאָס איז צו זען

פּאַטשבי דערפונ, וואָס די פּראָדוקציע פונ פּראַכט־וואַגאָנעס פאַרגרעסערט זיכ אינ פאַרגלייכ מיטנ פאַריקנ יאָר אינ 2,7 מאָל. דער גאַנצער אופגאַבע צו פאַרפעסטיקנ די פּראָדוציר־טעכנישע באַזע פונעמ טראַנספּאָרט מוז מענ איצט אָפּגעבנ אַט די אופמערקזאַמקייט, וואָס עס פאַרדינענ די סאַמע וויכטיקסטע באַדערפענישנ פונעמ לאַנד.

אָבער דאָס אַלץ וועט געבנ רעזולטאַטנ, אויב די אייזנבאַנער אַליינ וועלנ קעמפנ, ניט צונויפלייגנדיק די הענט, פאַר דער פאַרבעסערונג פונעמ טראַנספּאָרט, באַהעפטע אינ איינ קאָלעקטיוו מיט א באַוווסטזיניקער באַציִונג צו דער אַרבעט אונ מיט אַנ אייזערנער אַרבעט־דיסציפּלינ.

איכ דאַרפ איצט אויספירלעכ ניט רײדנ וועגנ דער אַנטוויקלונג פונ דער פאָלקווירטשאַפט פארנ פאַרגאַנגענעמ פעריאָד. ביפראַט נאָכ, אַז אינ כ' קויבישעווס פאַרטראַג אפנ מאָסקווער ראַטנ־צוזאַמענפאָר, וואָס איז גאָר ניט לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרנ, איז פאַראַנ אינ מערקווירדיקע ציפערנ א קלאָר בילד פונ אונדזער ווירטשאַפטלעכנ וווּקס.

לאָמיר אונטערציִענ סאַכאַקלענ.

ניט געקוקט אפ די ערנסטע פעלערנ, וואָס זיינענ פאַראַנ אינ באַזונדערע אונ דערונטער אינ גאַנצ וויכטיקע צווייגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט, איז דאָס לאַנד די דאָזיקע יאָרנ געגאַנגענ קעסיידער פאָרויס, פאַרפעסטיקנדיק אַלע זײַנע פּאָזיציעס. די ווירטשאַפטלעכע מעכטיקײט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד איז גיגאַנטיש אויסגעוואָקסנ, אונ די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פונ אַלע צווייגנ פונ דער פאָלקווירטשאַפט, וואָס וויקלט זיכ איצט פאַנאַנדער, פירט אַרונטער אַזאַ פּראָדוציר־באַזיס, וואָס פּאַסט פאַר א סאַמע פאָרגעשריטנ לאַנד אינ דער וועלט.

אונטערציִענדיק די סאַכאַקלענ פונ דער אַרבעט פונ דער ראַטנמאַכט, האָט כ' סטאַלינ אפנ XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר געזאָגט:

„מיר האָבנ שוינ אויסגעבויט דעמ פונדאַמענט פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אינ פססר, אונ אונדז פאַרבלייבט בלויז צו באַקרוינענ אימ מיט אויבערבויענ,—א זאַכ, וואָס איז אָנ ספק, א פיל גרינגערע, ווי אויסבויענ דעמ פונדאַמענט פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט“.

קיינער וועט ניט קענענ אָפּלייקענענ די דאָזיקע מעלדונג. דער פונ־

ראמענט פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאפט אינ פססר איז אויסגעבויט און איז אויסגעבויט פעסט (אפּלאָדיסמענטנ).

מיר האָבנ זיכ דערשלאָגנ א גרויסנ אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאפט דערפאר, ווייל מיר האָבנ געשאפנ א סאָציאַליסטישע באזע פאר איר אנטוויקלונג. די סאמע שווערע אופגאבע פונעמ לעצטנ פערי־אָד — די אופגאבע פונ דער קאָלעקטיוויזאציע — האָבנ מיר אינ גרונט געלייזט. פונ דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט אינ פססר איז שוינ גאָרנישט נית פארבליבנ. די רעשטלעכ פונ דער קליינ־אייגנטימער־רישער ווירטשאפט אינ דאָרפ שפּילנ קיינ ראָליע נית. אינעמ פאָרטראג אפ דעמ זעלבנ צוזאמענפאָר האָט כ' סטאלינ מיט פולנ גרונט געמאָלדנ, אז „דער סאָציאַליסטישער שטייגער איז דער אבסאָליוט הערשנדיקער און די אייגציקע קאָמאנדירנדיקע קראפט אינ דער גאנצער פאָלקווירטשאפט".

דער סאָציאַליזמ האָט אָפּגעהאלטנ אינ אונדזער לאנד א זיג. דער דאָזיקער זיג איז אָפּגעהאלטנ געוואָרנ אפ די יעסוידעס פונעמ נעפּ, וואָס האָט זיכ געדוכט די אָפּאָרטוניסטנ, וועלכע האָבנ זיכ געשאָקלט אפ דער זייט צו דער בורזשואזיע, בלויז אלס פּאָליטיק פונ צוריקטריט, אָבער אינ די הענט פונ די באָלשעוויקעס איז ער געוואָרנ א הייבער פארנ זיג פונעמ סאָציאַליזמ. אָבער ווי ווייט זיינענ מיר אוועק פונ יענער לאגע, בא וועלכער עס איז איינגעפירט געוואָרנ דער נעפּ, ווענ די צאָלרייכע קאפיטאליסטישע עלעמענטנ האָבנ נאָכ געלעבט אינ די פאָרעמס פונ אונדזער אָרדענונג, באזונדערס אינ דאָרפ. אויכ איצט האָבנ מיר נאָכ נית אויסגעלעבט דעמ נעפּ, אפ וויפל אפילע נאָכנ ליקווידירנ די קאפיטאליסטישע עלעמענטנ זיינענ נאָכ בא אונדז פאראנ מיליאָנענ אינדיווידואלנ מיט זייער פריוואטער ווירטשאפט, און אפ וויפל אינ געוויסע פאלנ טרעטנ ארויס אפילע די קאָלווירטניקעס אפנ מארק אלס פריוואטע פארקויפער פונ זייער פּראָדוקציע. דער נעפּ אינ זיינ לעצטער סטאדיע לעבט נאָכ אלצ, ער זעצט נאָכ פאָר זיינ ארבעט צוליבנ סאָציאַליזמ. נאָכ מער, אזא אויסגעפרוווט געווער פונ אונדזער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג, ווי דער האנדל און דאָס געלט, וואָס מיר האָבנ גענומענ פונעמ ארסענאל פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט און אפ אונדזער אויפנ צוגעפאסט צו די נויטבאדערפענישנ פונ דער ראטנ־

מאכט, וועלנ נאָכ לאנג לעבנ אונ אויספילנ די סאמע נייטיקסטע זאַכ פארנ סאָציאַליזמ.

אָבער דערמאָנט זיכ די ווערטער פונעמ גרויסנ לענינ צומ סאָפ 1922 יאָר:

„מיר האָבנ אריינגעשלעפט דעמ סאָציאַליזמ אינעמ טאָג־טעגלעכנ לעבנ, אונ דאָ דארפנ מיר זיכ פאנאנדערקלייבנ. אָט וואָס עס שטעלט מיט זיכ פאָר די אויפגאבע פונ אונדזער טאָג, אָט וואָס עס שטעלט מיט זיכ פאָר די אויפגאבע פונ אונדזער עפּאָכע. דערלויבט מיר צו פארענדיקנ מיטנ אויסדריקנ די זיכערקייט, אז ווי די דאָזיקע אויפגאבע זאָל ניט זיינ שווער, ווי ניי זי זאָל ניט זיינ אינ פארגלייכ מיט אונדזער פריערדיקער אויפגאבע אונ וויפל שוועריקייטנ זי זאָל אונדז ניט פארשאפנ, — וועלנ מיר אלע צוזאמענ, ניט מאָרגנ, נאָר אינ עטלעכע יאָר, וועלנ מיר אלע צוזאמענ לייזנ די דאָזיקע אויפגאבע אומ יעדנ פרייז, אזוי אז פונ רוסלאנד דאָס נעפּישע וועט ווערנ א רוסלאנד א סאָציאליסטישעס".

אינ די דאָזיקע ווערטער זיינענ אויסגעדריקט די טיפע געדאנקענ וועגנ אונדזער רעוואָליוציע אונ עס איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ די הויפּט־אויפגאבע פונ דער פּראָלעטארישער רעוואָליוציע — צו פארוואנדלענ „רוסלאנד דאָס נעפּישע" אינ „א רוסלאנד א סאָציאַליסטישעס", אינ די דאָזיקע ווערטער האָבנ מיר געזענ לענינס גרונט־געבאָט פאר אונדזער פארטיי, וואָס פירט אָנ מיט דער גאנצער בוויונג.

אונ אָט קאָנענ מיר איצט זאָגנ: **דאָס נעפּישע רוסלאנד איז געוואָרנ א סאָציאַליסטיש רוסלאנד!** (**שטורמישע, דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ**). אונדזער לאנד האָט זיכ איבערגעאנדערשט. אינ גרונט האָבנ מיר אָט די גרויסע אויפגאבע, וואָס לענינ האָט געשטעלט, פארווירקלעכט. די שווּע, וואָס כ׳ סטאלינ האָט מיט 11 יאָר צוריק געגעבנ דעמ אוועקגעגאנגענעמ לענינ, איז אויסגעפילט געוואָרנ (**שטורמישע, דויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ**).

דאָס איז דער גרונט־אויספיר, וואָס מיר קענענ פעסט מאכנ.

2. די איבערגעשטאַלטונגענ אינ דער סאָציאַלער סטרוקטור פונעמ לאַנד און אונדזער פּאָליטיק

דאָס איבערגעשטאַלטנ „רוסלאַנד דאָס נעפּישע“ אינ „רוסלאַנד דאָס סאָציאַליסטישע“ האָט געפונענ זײַנ אָפּשפּיגלונג אינ דער גרינטלעכער ענדערונג פונ דער סאָציאַלער סטרוקטור פונ אונדזער לאַנד.

לאָמיר זיכ אַרײַנטראַכטנ אינ יענע סאָציאַלע ענדערונגענ, וואָס די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט. די אַנטשפּרעכיקע אָנגאַבנ האָב איכ באַקומענ פונ אונדזער צענטראַלער פאַרוואַלטונג פאַר פאָלק־ווירטשאַפטלעכנ דיסקאָנט (צונכו), ווו ס'איז אונטער דער אָנפירונג פונעמ כ' קראַוואַל דורכגעפירט געוואָרנ אַנ אויסערסט ווערטפולע אַרבעט.

אָט זײַנענ די גרונט־אָנגאַבנ איבער דער דאָזיקער פראַגע (זע די טאַבעלע אַפּ דער ז. 55).

די גאַנצע באַפעלקערונג פונ אונדזער לאַנד (אינ די גרענעצנ פונ ססר) האָט אינ 1913 יאָר באַטראָפנ 139,3 מיליאָנ מענטשנ. אינ 10 יאָר אַרומ נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע איז זי אויסגעוואָקסנ ביז 152,4 מיליאָנ מענטשנ. ענדלעכ, צומ אָנהייב 1934 יאָר האָט זי באַטראָפנ 168 מיליאָנ מענטשנ. די ציפערנ ווײַזנ, אַז די לעצטע יאָרנ איז די באַפעלקערונג פונ אונדזער לאַנד געוואָקסנ מיט מער שנעלע טעמפּנ ווי פריער. דאָס איז איינער פונ די וויכטיקסטע ווײַזער פונ דער וואַקסנדיקער קראַפט פונעמ ראַטנפאַרבאַנד.

לאָמיר איצט נעמענ באַזונדערע קלאַסנ.

איכ וועל אָנהייבנ פונעמ אַרבעטער־קלאַס.

אינ רוסלאַנד האָט די גאַנצע פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג, אײַנגעשלאָסנ אויכ די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער מיט די מישפּאָכעס, באַטראָפנ אינ 1913 יאָר 23,3 מיליאָנ מאַנ, אינ 1928 יאָר, פאַרנ אָנהייב פונעמ צווייטנ פינפיאָר, האָט זי דערגרייכט 26,3 מיליאָנ מאַנ, און צומ אָנהייב 1934 יאָר האָט זי דערגרייכט 47,1 מיליאָנ מאַנ, ד"ה. אינ פאַרגלײַכ מיטנ 1913 יאָר האָט זיכ די פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אינ צוויי מאָל (אַפּלאָדיסמענטנ).

מיטנ פּויערטומ, ווי איר ווייסט, זײַנענ פאָרגעקומענ נאָכ מער

1. דער קלאסנ-באשטאנד פונ דער באפעלקערונג אינ 1913 יאר (אינ די גרענעצנ פונ פססר) אונ אינ 1928—1934 יי.

	די קלאסנ-באפעלקערונג	די צאל אינ טויזנטער מענטשנ: 1913 י.	1928 י.	1934 י. (צום 1-טנ יאנוואר)
I.	פראלעטאריאט (ארבעטער אונ אנגעשטעלטע, אינזשענער-טעכנישע טוער אא. פראלעטארישע באפעלקערונג)	23.300	26.343	47.118
	דערונטער:			
א.	אינדוסטריעלער פראלעטאריאט אונ אנגעשטעלטע (אינדוסטריע, טראנספארט, בויונג, סאציאל-קולטורעלע אנשטאלטנ אונ דער מעלוכע-אפאראט)	17.300	24.124	41.751
ב.	לאנדווירטשאפטלעכער פראלעטאריאט . . .	6.000	2.219	5.367
II.	קאלווירטניקעס אונ קאאפערירטע קוסטארנ אונ האנטווערקער	ניט געווענ	4.406	77.037
III.	פויערים-אינדיווידואלנ (אנ די באלעגופים) אונ ניט-קאאפערירטע ארבעטנדיקע קוסטארנ אונ האנטווערקער	90·700	111.131	37.902
IV.	בורזשואזיע (גוטבאזיצער, גרויסע אונ קליינע שטאטישע בורזשואזיע, הענדלער אונ באלעגופים)	22·100	6 801	174
	דערונטער:			
	באלעגופים	17.100	5.618	149
V.	אנדערע באפעלקערונג (שטודירנדיקע, ארמיי, פענסיאנערנ אא.)	3.200	3.671	5 769
	סאכאקל באפעלקערונג . .	139300	152352	168000

ערנסטע ענדערונגען. די פויערשע באפעלקערונג (אָן די באַלעגופים), צוזאמען מיט די קוסטארן און האנטווערקער, האָט אין 1913 יאָר באַטראָפן 90,7 מיליאָן מאן. אין 1928 יאָר איז שוין די לאגע געוואָרן אן אנדערע. ס'איז שוין אומעגלעך געוואָרן צו ריידן וועגן דעם פויערטום, ניט צעטיילנדיק עס אפ קאָלווירטניקעס און אינדיווידואַלן. אין 1928 יאָר זיינען די פויערים־קאָלווירטניקעס צוזאמען מיט די קאָאָפערירטע קוסטארן און האנטווערקער געווען נאָך א קנאפע גרייס. זיי האָבן באטראָפן 4,4 מיליאָן מאן, ביים פויערים־אינדיווידואַלן (אָן די באַלעגופים) איז געווען 111,1 מיליאָן מאן. גאָר אן אנדער לאגע האָבן מיר צום אָנהייב 1934 יאָר. דאן האָט שוין די צאָל פויערים־קאָלווירטניקעס דערגרייכט 77 מיליאָן מאן, און פויערים־אינדיווידואַלן — 37,9 מיליאָן מאן. די איבערוועגנדיקע מערהייט פויערים איז שוין אריינגעטראָטן אין די קאָלווירטן. פון דעמאָלט אָן האָט זיך די צאָל אינדיווידואַלן נאָך באדייטנדיק פארקלענערט, און בא היינטיקן טאָג איז אינדיווידואַלן געבליבן אן ערעך איין פינפטל פון דער גאנצער ארבעטנדיקער פויערשער באפעלקערונג.

איצט טוט א קוק, וואָס איז פאָרגעקומען מיט די בורזשואזע קלאסן, איינשליסנדיק די גוטבאזיצער, די גרויסע און די קליינע שטאָטישע בורזשואזיע, די סאָחרים און די באַלעגופים. אין 1913 י. האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט א גרויסע קראפט. די אלגעמיינע צאָל זייערע האָט דערגרייכט 22,1 מיליאָן מאן, און פון זיי דאָס באַלעגופנטום—17,1 מיליאָן מאן, אָבער די קעגן זיי געווענדטע אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אינעם ערשטן יאָרצענדליק היפש צעוויים אָט דעם סאָציאַלן שיכט און פילע פון דעם דאָזיקן שיכט האָבן זיך אָנגעהויבן איבנזאפן אין אנדערע סאָציאַלע גרופעס. אזוי איז אין 1928 י. געבליבן פונעם דאָזיקן שיכט בלויז 6,8 מיליאָן מאן, דערביי האָבן 5,6 מיליאָן מאן געהערט צום באַלעגופנטום. צום אָנהייב 1934 יאָר זיינען די בורזשואזע עלעמענטן בא אונדז פארבליבן בלויז ווי א מין זייכער, „צונכור". האָט זיי דאן אָנגעציילט 174 טויזנט, דערהויפט פון די רעשטלעך באַלעגופנטום.

די איבעריקע באפעלקערונג, וואָס שליסט אין זיך איין די שטודירנדיקע, די ארמיי, פענסיאָנערן אא. האָט אין 1913 יאָר באטראָפן 3,2

מיליאָנ מאַנ; אינ 1923 יאָר — 3,7 מיליאָנ מאַנ; צומ אָנהייב 1934 יאָר—5,7 מיליאָנ מאַנ.

אינ רעזולטאַט פונ די דאָזיקע איבערוקנ האָבנ זיכ די פאַרהעלטע־נישנ צווישנ די גרינטלעכע סאָציאַלע גרופּעס באַפעלקערונג פונ אונדזער לאַנד געענדערט אפ אַזאַ אויפנ:

2. דער קלאַסנ-באַשטאַנד פונ דער באַפעלקערונג אינ 1913 יאָר (אינ די גרענעצנ פונ פססר) אונ אינ 1928—1934 יי.

די קלאַסנ באַפעלקערונג	דער קלאַסנ-באַשטאַנד פונ דער באַפעלקערונג אינ פּראָצענטנ צומ סאַכאַקל		
	1913 י.	1928 י.	1934 י.
I. פּראָלעטאַריאַט (אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, אינזשעניער-טעכנישע טוער אאַ. פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג)	16,7	17,3	28,1
דערונטער:			
א. אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט אונ אָנגעשטעלטע (אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, בויונג, סאָציאַל-קולטורעלע אַנשטאַלטנ אונ דער מעלוכע-אַפּאַראַט)	12,4	15,8	24,9
ב. לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָלעטאַריאַט	4,3	1,5	3,2
II. קאָלווירטניקעס אונ קאָאָפּערירטע קוסטאַרנ אונ האַנטווערקער .	ניט געווענ	2,9	45,9
III. פּויערים-איינדיווידואַלנ (אָנ די באַלעגופים) אונ ניט-קאָאָפּערירטע אַרבעטנדיקע קוסטאַרנ אונ האַנטווערקער	65,1	72,9	22,5
IV. בורזשואַזיע (פּריצים, די גרויסע אונ די קליינע שטאָטישע בורזשואַזיע, הענדלער אונ באַלעגופים)	15,9	4,5	0,10
דערונטער:			
באַלעגופים	12,3	3,7	0,09
V. אַנדערע באַפעלקערונג (שטודירנדיקע, די אַרמיי, פּענסיאָנערנ אאַ.)	2,3	2,4	3,4
סאַכאַקל באַפעלקערונג	100	100	100

די פּראָלעטאַרישע באַפעלקערונג האָט פונ 16 פּראָצענט אינ 1913 זיכ פאַרגרעסערט ביז 28,1 פּראָצענט צומ אָנהייב 1934 יאָר. פונ דער פויערשער אַרבעטנדיקער מאַסע האָבנ זיכ אויסגעטיילט די פויערימ-קאָלווירטניקעס, וואָס האָבנ צומ אָנהייב 1934 י. שוינ באַטראָפנ 45,9 פּראָצענט פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג פונעמ לאַנד, אונ איצט באַטרעפנ זיי העכער אַ העלפט פונ אונדזער באַפעלקערונג. די פויערימ-אינדיווידואַלנ האָבנ צומ אָנהייב 1934 יאָר באַטראָפנ בלויז 22,5 פּראָצענט, אונ איצט האָט זיכ דער דאָזיקער שיכט נאָכ באַדייטנדיק פאַרקלענערט. דער בורזשואַזער טייל פונעמ לאַנד, וואָס האָט אינ 1913 יאָר באַטראָפנ גאַנצע 15,9 פּראָצענט באַפעלקערונג, איז, ווי באַוווּסט, ליקווידירט געוואָרנ אונ אייניקע פונ די דאָזיקע הערנ זיינענ פּאָשעט אַרויסגעוואָרפנ געוואָרנ קיינ אויסלאַנד. אַ געוויסער טייל מענטשנ, וואָס האָבנ פריער געהערט צומ בורזשואַזנ שיכט, האָט באַוויזנ צו באַנעמענ די געשעענישנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ, אונ צו געפינענ זייער אָרט אינ די רייענ אַרבעטנדיקע, וואָס בויענ דאָס נייע לעבנ. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז עס איז געבליבנ ווייניק בורזשואַזע דעגענעראַטנ, ווישקראָבקעס פונ אָט די אַלע אַדלליט, סאָכרימ, פאַבריקאַנטנ אונ באַלעגופימ, וואָס האַלטנ ניט דאָס איצטיקע לעבנ זייערס פאַר באַקוועמ. אונ דאָס דאַרפ מענ געדענקענ.

אַזוי-אַרומ, איז אויב מע זאָל אפילע נעמענ בלויז 2 סאָציאַלע גרופּעס—די אַרבעטער אונ די קאָלווירטניקעס. — האָבנ זיי שוינ צומ אָנהייב 1934 יאָר באַטראָפנ 74 פּראָצענט פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג פונ לאַנד. צומ אָנהייב 1935 יאָר באַטרעפנ שוינ די אַרבעטער, צוזאַמענ מיט די קאָלווירטניקעס, העכער דריי פערטל פונ דער גאַנצער באַפעלקערונג.

אָט די אַלע אָנגאַבנ האָבנ אַ גרויסע פּרינציפּיעלע באַדייטונג אונ פאַרדינענ ערנסט שטודירט צו ווערנ. זיי באַווייזנ, אַז די איבערוועגנדיקע מאַסע באַפעלקערונג פונ אונדזער לאַנד האָט אומצערייסבאַר פאַרבונדנ איר לעבנ מיטנ סאָציאַליזמ, אַז מיר באַוועגנ זיכ בעעמעס אַפנ וועג צו דער קלאַסנלאָזער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. (אַפּלאָדיסמענטנ).

מע טאָר אויכ ניט פארגעסנ, וואָס פאר אנ ענדערונגענ עס קומענ פאָר אינ די קלאסנ גופע, וואָס זיינענ די גרונט־קלאסנ אינ ראטנפארבאנד.

אונדזער ארבעטער — דאָס איז שוינ ניט דער אלטער ארבעטער, דאָס איז שוינ ניט דער פראָלעטאריער, וואָס האָט ניט קיינ פראָדוציר־מיטלענ, וואָס ארבעט אפ אנ אנדער קלאס, אפנ קלאס עקספלואטאטערס; דאָס איז א קלאס, וואָס באנעמט זיינ באדייטונג, אז ער איז דער באלעבאָס פונ דער אינדוסטריע אונ פונעמ גאנצנ לאנד. פונ דער אנדערער זייט, איז אינעמ באשטאנד פונ די ארבעטער אריינ א געוויסער טייל פונ די ניט־פראָלעטארישע עלעמענטנ. אונדזער קאָלווירטניק — דאָס איז שוינ ניט דער אלטער דערשלאָגענער פויער, וואָס האָט האָפענונגלאָז געשלעפט דעמ יאָכ אונ באקומענ אָנ א סאָפ קלעפ פונ נאטשאלסטווע. אנדערע מענטשנ ווערנ אויכ אונדזערע אָנגעשטעלטע, די אינזשעניערנ, די אינטעליגענצ.

די דאָזיקע סאָציאלע ענדערונגענ לאָזנ זיכ שוינ פילנ אינ אונדזער גאנצנ לעבנ. דאָ איז באזונדערס וויכטיק צו באצייכענענ זייער פאָזיטיווע באדייטונג פאר די ווירטשאפטלעכע איניאָנים.

בא אונדז איז נאָכ נידעריק די ארבעט־פראָדוקטיווקייט, אָבער זי וואקסט. דער וווקס פונ דער ארבעט־פראָדוקטיווקייט איז געוואָרנ די הויפט־קראפט, וואָס באוועגט פאָרויס אונדזער ווירטשאפט. גאנצ אָפט האלט נאָכ בא אונדז שלעכט אויכ מיט דער ארבעט־דיסציפלינ. אָבער אויכ דאָ האָבנ מיר דערפאָלגנ. די לעצטע יאָרנ האָבנ מיר אינ עטלעכע מאָל פארקלענערט די פראָגולנ פונ די ארבעטער אונ אָנגעשטעלטע אינ די אונטערנעמונגענ. אונ צו אזעלכע דערשיינונגענ, ווי פראָגולנ, דארפנ מיר איצט אינגאנצנ מאכנ א סאָפ. פונ די 7 ארבעט־שאָ ארבעט מענ נאָכ בא אונדז גאנצ אָפט אינ די זאוואָדנ 5—6 שאָ אונ אמאָל נאָכ וויניקער. אָבער אינ א סאכ א גרעסער מאָס, ווי די ארבעטער אונ ארבעטערנס, זיינענ דערפאר פאראנטוואָרטלעכ מיר — די אָנפירער, וואָס האָבנ נאָכ ניט איינגערעגולירט ווי געהעריק די אָרגאניזירונג פונ דער פראָדוקציע. עס פעסטיקנ זיכ אויכ אונדזערע קאָלווירטנ צוזאמענ מיטנ שנעלנ וווקס פונ דעמ קאָלווירטניקס באוווסטזיינ וועגנ דער נויטווענדיקייט פונ אנ עכטער ארבעט־דיסציפלינ אונ אנ ערנסטער זאָרג וועגנ די געזעלשאפטלעכע קאָלווירטישע אינטערעסנ.

דער סאָציאליסטישער געוועט האָט פארכאפט צענדליקער מיליאָנענ ארבעטער און קאָלווירטניקעס און איז איצט דער סאמע בוילעטסטער אויסדריק פונעמ וווקס פונ דער באוווסטזיניקייט פונ די ארבעטנדיקע בא אונדז אינ לאנד.

אינעמ גאנצנ לעבנ=שטייגער פונ די ארבעטנדיקע זיינענ אויכ פאָרגעקומענ גרינטלעכע ענדערונגענ צומ גוטנ.

שוינ 5 יאָר ווי בא אונדז איז ניטאָ קיינ ארבעטלאָזיקייט. מיר וואָלטנ שוינ עפשער געקאָנט לייכט פארגעסנ וועגנ דעמ דאָזיקנ אומגליק פונעמ ארבעטער־קלאס. אָבער דאָס לעבנ פונ די ארבעטער אויסער די גרענעצנ פונ פססר דערמאָנט אונדז יעדנ טאָג, ווי ווייט מיר זיינענ אוועק פונ דער אונטערדריקערישער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. דער ארבעטלוינ פונ די ארבעטער וואקסט בא אונדז. און איצט, נאָכנ אָפשאפנ די ברויט=קארטלעכ און אינ צוזאמענהאנג מיטנ פארפעסטיקנ דעמ סאָוועטישנ רובל, וועט זיינ רעאלער אינהאלט נאָכ שנעלער זיכ הייבנ. וועגנ דער דערנערונג פונ די ארבעטער ווייזט ארויס די מעלוכע אנ אויסשליסלעכע זאָרג און מיר האָבנ דאָ באדייטנדיקע דערפאָלגנ. עס וואקסנ אלע מינימ סאָציאלע סטראכירונג פונ די ארבעטער און אָנגעשטעלטע, איינגעשלאָסנ די סאנאטאָריעס און אָפרו=הייזער, וואָס אינערגעצ, כוצ אינ ראטנפארבאנד, האָבנ דאָס ניט די ארבעטער.

צוזאמענ מיט דער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ ענדערט זיכ שארפ צו גוטנ דער שטייגער פונ די ארבעטנדיקע אינ דאָרפ. די אויספאָרשונג פונ 83 טויזנט קאָלווירטנ פונ רספסר, אוקראינע און ווייסרוסלאנד, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ סאָפ פאָריקנ יאָר, האָט באוויזנ מיט ציפערנ, ווי עס שטייגט דאָס קאָלווירטישע דאָרפ. עס איז גענוג צו זאָגנ, אז אינ אָט די 83 טויזנט קאָלווירטנ איז דער סכומ טווע, וואָס יעדער קאָלווירטיש הויפ האָט באקומענ, געשטיגנ פונ 5,5 צענטנער אינ 1932 יאָר ביז 10,9 צענטנער אינ 1934 יאָר, — אינ צוויי מאָל מער! עס וואקסנ אויכ די אנדערע מינימ פראָדוקציע פונ די קאָלווירטנ און די געלט=האכנאָסעס זייערע. אלצ מער קאָלווירטניקעס הייבנ אָנ צו לעבנ א פארמעגלעכ קולטורעל לעבנ. גיט א פרעג די קאָלווירטניקעס כאָטשבי פונ דער קאבארדינאָ=באלקארער געגנט, און פארשטייט זיכ, ניט נאָר פונ דער געגנט. אינ דער צייט, ווענ הונדער=

טער מיליאָנענ פויערימ אינ די קאַפיטאַליסטישע לענדער אונ אינ די אונטערדריקטע פונעמ אימפעריאַליזמ קאָלאָניעס אונ האַלב-קאָלאָניעס ווערנ געפייניקט פונעמ קריזיס אונ ניט ווייניק דאָרפישע האָרעפאַשניקעס שטאַרבנ אויס פונ הונגער, איז בא אונדז אינ די דערפער געמאַכט געוואָרנ א סאָפ צומ דאַלעס, אונ פאַרנ אָרנטלעכנ האָרעפאַשניק איז אָפנ דער וועג צו א גוט לעבנ.

א באַווייז פונ דער גרינטלעכער פאַרבעסערונג פונ די שטייגער-באַדינגונגענ בא אונדז אינ לאַנד איז די פאַרפעסטיקונג פונעמ געזונט פונ די אַרבעטנדיקע.

בא אַלע בעסרוינעס פונ אונדזערע הייל-אַנשטאַלטנ קאָנ מענ אָבער ניט פאַרגלייכנ זייער איצטיקע באַדייטונג פאַר די אַרבעטנדיקע מיט דער פאַררעוואָליוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. ס'איז גענוג צו זאָגנ, אַז לויט דער מעדיצינישער אונטערזוכונג פונ די אַרבעטער-פריזיוווניקעס אינ דער אַרמיי אינ מאָסקווע, לענינגראַד, אינ דער מאָסקווער אונ איוואַנאָווער געגנטנ, אינ גאָרקער קאַנט אונ אינ אוקראַינע האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז די דורכשניטלעכע וואָג זייערע האָט זיכ די לעצטע 6—7 יאָר פאַרגרעסערט אָפ אַנדערהאַלבנ-צוויי קילאָגראַמ אונ די קרייז-ליניע פונ דער ברוסט-קאַסטנ איז געוואָרנ גרעסער אָפ אַנדערהאַלבנ ביז צוויי א האַלבנ סאַנטימעטער. זאָל מענ אונדז אַדראַבע ברענגענ אַזעלכע אָנגאַבנ וועגנ דער לאַגע אינ אויסלאַנד. אָבער פאַר אונדז איז טאַקע אָנגעמאָסטנ צו האָבנ פעסטע קעמפער פאַר דער מאַכט פונ די ראַטנ (א פ ל אָ ד י ס מ ע נ ט נ).

די פאַרטיי אונ די רעגירונג האָבנ אָנערקענט פאַר נייטיק אינעמ לויפנדיקנ יאָר צו גייג אָפ א באַדייטנדיקער פאַרגרעסערונג פונ די הוצאָעס אָפ די שפיטאָלנ אונ פונעמ אַרבעטלוינ פונעמ גאַנצנ הייל-פערסאָנאַל. מיר ווילנ, אַז די געזונט-פאַרהיטונג זאָל זיכ באַוועגנ פאָרויס שנעלער, אַז דער געזונט פונ די אַרבעטנדיקע זאָל פעסטער ווערנ אונ אַז בא אונדז זאָלנ נאָכ מער געבוירנ ווערנ סאָוועטישע גיבוירימ (ד ו י ע ר נ ד י ק ע אָ וו א צ י ע ס).

מיר גייענ פאָרויס, אָבער אונדזערע שטייגער-באַדערפענישנ זיינענ נאָכ ווייט פונ באַפרידיקט ווערנ ווי געהעריק. מיר האָבנ נאָכ, צומ-ביישפיל, א סאַכ בלויזנ אינ דעמ וווינונג-וועזנ, אונ דער דאָזיקער וועזנ

פּאָדערט צו זיכ די סאַמע ערנסטע אויפמערקזאַמקייט. בא אונדז איז אָפּגעשטאַנענ די קאָמונאַלע ווירטשאַפט, אונ בלויז א מינדערהייט שטעט, בעראָש מיט מאָסקווע, האָט זיכ שוינ גענומענ פאַר דער דאָזיקער ארבעט ווי געהעריק. ניט זעלטנ פעלנ בא אונדז אויס אפילע די סאַמע נייטיקע סכוירעס אונ פּראָדוקטנ סיי אינ שטאָט סיי אינ דאָרפ, מע טאָר אָבער דערביי ניט פארגעסנ, אז מיר האָבנ פיל מעגלעכקייטנ צו פארבעסערנ אָט דעמ גאַנצנ איניענ. אָבער מיר נוצנ אויס די דאָזיקע מעגלעכקייטנ נאָכ ניט גענוג גענייט. פריער האָט מענ אונדז דאָס ניט געלערנט. אָבער איצט גייענ מיר דורכ א גרויסע לערע פונ בויענ דאָס נייע לעבנ. מיר ווילנ ניט איבערטרייבנ אונ מיר זאָגנ ניט, אז פססר איז שוינ א רייכ לאַנד, אָבער די ארבעטנדיקע פונ ראַטנפארבאַנד וויסנ, אז אונדזער לאַנד ווערט רייכ!

קעדיי צו זיינ אפ דער הייכ פונ די אויפגאַבנ, וואָס די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע האָט פאַר אונדז אוועקגעשטעלט, מוזנ מיר האָבנ א הויכנ אויפשווינג פונ דער קולטור-בויונג. אונדזער קראַפט באַשטייט דערינ, וואָס דאָס איז געוואָרנ דער באַוווסטזיינ פונ די ברייטע מאַסנ ארבעטנדיקע. די דורשט נאָכ קולטור, דער דראַנג צו וויסנשאַפט אונ קונסט וואַקסנ אינ די מאַסנ, דערוועקנדיק אינ א גרויסער צאָל נייע קרעפטנ אונ טאַלענטנ. עס וואַקסט די קולטור פונ די פעלקער פונעמ ראַטנפארבאַנד. זי וואַקסט אפ דער סאָוועטישער באַזע אינ דער פולבונטיקייט פונ די נאַציאָנאַלע פארבנ. וואָס מע זאָל ניט פריידיקנ אינ די אמעראַצישע, נאַציאָנאַליסטישע אונ אולטרא-נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס, זעט בא אונדז א יעטווידער פויער, אז דער וועג צומ אויפבלי פונ די נאַציאָנאַלע קולטורנ איז געפונענ געוואָרנ אינעמ פארבאַנד פונ די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקנ, וואָס בויט דאָס נייע לעבנ אונטער דער פאָנ פונ אינטערנאַציאָנאַליזמ (אפּלאָדיסמענטנ).

מיר פארמאַכנ ניט די אויגנ דערופ, אז אונדזערע שולנ זיינענ איבערפולט אונ אז מיר דאַרפנ שנעל מאַכנ א סאָפ צו דער סיסטעמ פונ צוויי אונ אפילע פונ דריי וואַכטעס אינ די שולנ. מיר פארמאַכנ ניט די אויגנ אויכ אפ די פעלערנ פונ אונדזערע הויכשולנ. אָבער מיר וויסנ, אז דאָרט האָט זיכ די ארבעט אינעמ לעצטנ פעריאָד באַדייטנדיק פארבעסערט, אונ מיר דאַרפנ ארבעטנ נאָכ שטאַרקער אינ דער

זעלביקער ריכטונג. מיר דארפנ פארשטארקנ די זאָרג וועגנ דעמ לעזער און דעמ געלערנטנ, אָבער אויכ וועגנ דעמ דערפינדער אָנ א דיפלאָמ.

אלס גרויסנ דערפאָלג פונ דער ראטנמאכט אינעמ לויפנדיקנ פעריאָד דארפ מענ האלטנ דעמ קער צומ סאָציאליזמ צווישנ דער אלטער אינטעליגענצ. ניט אָנ וואקלונגענ, ניט אָנ איבערלויפנ הינ און צוריק איז פאָרגעקומענ דער דאָזיקער איבערבראָכ. אָבער נעמט די גרונטמאסע אלטע אינזשעניערנ, לערערשאפט, צולעצט, שרייבער און קונסטטוער, וועט אייכ פארשטענדלעכ ווערנ די פאָליטישע באדייטונג פונעמ פאראיאָריקנ צוזאמענפאָר פונ די סאָוועטישע שרייבער אינ מאָסקווע, וואָס האָט בוילעט אָפגעשפיגלט אָט דעמ איבערבראָכ צומ בעסערנ בא אונדזער אינטעליגענצ.

עס איז אָבער ניטאָ עפשער קיינ זאכ, מיט וועלכער מע זאָל קאָנענ פארגלייכנ דעמ דערפאָלג פונ דער פארטיי און פונ דער ראטנמאכט, וואָס מיר האָבנ אינעמ שאפנ די נייע אינטעליגענצ און באזונדערס אירע טעכנישע קאדרענ. מיטנ גורל פונ פיל זאוואָדנ, ווי אויכ קאָלווירטנ, פירנ אָנ שוינ ניט דאָס ערשטע יאָר די דאָזיקע יונגע קאדרענ, וואָס זיינענ אויסגעוואָקסנ אינ דער סאָוועטישער לופט און וואָס זאמלענ פלייסיק פראקטישע דערפארונג. אינ פארלויפ פונ א ריי יאָרנ האָט די פארטיי קאָנצענטרירט אפ דער דאָזיקער אופגאבע די אופמערקזאמקייט פונעמ ארבעטער-קלאס. און כאָטש די הויפט-רעזולטאטנ וועלנ ערשט קומענ, דאָכ איז דער נייער דאָר שוינ איצט געוואָרנ א גרויסע קראפט אינ דער פראָדוקציע, אינ דער טעכניק און אינעמ וויסנשאפטלעכ-פאָרשערישנ געביט. לענינ האָט זייער דײַטלעכ גערעדט וועגנ דעמ, ווי דער קאפיטאליזמ האָט „געשפיקט, אומגעבראכט און ארויסגעשליידערט“ די פייִקייטנ און טאלענטנ אינעמ פאָלק. דערפאר טאקע האָבנ אונדזערע ארבעטער און פויערימ ארָאָפגעשליידערט דעמ קאפיטאליזמ. און דאנ האָט זיכ געעפנט דער וועג צו קולטור פאר די מאסנ און פריער פונ אלצ פאר אונדזער יוגנט.

אונדזערע איצטיקע אופגאבנ האָט דער כ׳ סטאלינ פאָרמולירט ניט לאנג אינ די אויסגעצייכנטע ווערטער:

„אפ וויפל מיר האָבנ זיכ שוינ אויסגעלערנט שעצנ די טעכניק,

איז שוין צייט צו דערקלערן אָפן, אַז דער איקער איז איצט — אין די מענטשן, וואָס האָבן באהערשט די טעכניק... מע דאַרף היטן יעדן פייַקן און פאַרשטאַנדיקן טוער, היטן און כאָוועם אים. מענטשן דאַרף מען זאָרגזאַם און אויפמערקזאַם אויסכאָוועס, ווי אַ גערטנער כאָוועט אויס אַ באַליבטן פּרוכט=בוים".

פון די דאָזיקע אָנווייזונגען איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן פאַר דער צוגרייטונג פון נייע קאַדערן סיי אין דער טעכניק סיי אין אַנדערע צווייגן פון דער בויונג, איז נאָך ווייט ניט גענוג, און מיר דאַרפן נאָך אַקשאָנעסדיקער אַרבעטן איבער דער דאָזיקער אויפגאַבע. אָבער מיר האָבן איצט דעם איקער — די אַרבעטער=פאַרשע מאַכט, וואָס איז גרייט די דאָזיקע אַרבעט צו באַוועגן פאָרויס אין אַ גאַנצן פאַרנעם.

צו באַטייט דאָס, אַז אַלע שוועריקייטן זיינען שוין דורכגעמאַכט, אַז ס'איז געקומען די צייט פון זאָרגלאָזן אָפּרו אונטער די זיסע קלאַנגען פון דער מוזיק, לאָמיר זאָגן, „שטיל און גלאַט זיך הווי=דענדיק..." ניין, עס האַלט גאָרניט אַזוי. זאָרגלאָזיקייט און זעלבסטשטראָם אין דער אַרבעט דינט בלויז אונדזער קלאַסן=סוינע.

דער סאָציאַליזם האָט געזיגט, אָבער נעכטן נאָך איז דער אָפענער ווידערשטאַנד=פראָנט פון די בורזשואַזע עלעמענטן געווען אַ באַדייטנדיקער. דער צעקלאַפּטער סוינע וועט זיך איצט ניט לאָזן אין אָפענעם קאַמף. ער איז איזאָלירט און נעבעכדיק, ער איז אָבער פול מיט ווילדער סינע און איז גרייט צו באַנוצן יעטווידע געווער. וואָס מער האָפענונגלאָז ס'איז די לאַגע פון די סאָנים פון דער ראַטנמאַכט, אַלץ ווייניקער זיינען זיי איבערקלייבעריש אין די קאַמפ־מיטלען. אָפּשוואַכן די רעוואָלוציאָנערע וואַכזאַמקייט אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געפערלעך.

דער סוינע איז אַכזאָריעסדיק און געשיקט, דער סוינע איז גרייט אָנצוטאָן אַף זיך יעטווידער שלייער, ער איז גרייט אפילע צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ פריינט פון אונדזער פּאַרטיי, קעדיי אָפּשוואַכן אונדזער וואַכזאַמקייט און דערלאַנגען אַ קלאַפּ אי אין קאָפּ אי אין האַרצן. מיר האָבן פאַרלאָרן פון אונדזערע רייען איינעם פון די רומפולע קעמפער, סערגיי מיראָנאָוויטש קיראָוון, וועמען דער סוינע האָט דערמאָרדעט בלויז פאַר זיין איבערגעגעבנקייט דעם קאָמוניזם, דער ראַטנמאַכט.

די ווייסגווארדייִשע אויסוואורפן פונ די זינאָוויעוועצעס, וואָס עס האָט דערצויגן דער פאַראכטעטער „פירער“ פונ פראָוואָקאטערישער צווייפּענעמדיקייט, זיינען געווען די אָרגאניזאטערס פונ אָט דעם פאַרברעכן. דעם סוינע איז קיין אונטערשייד ניט, ווער עס וועט זיין דער אויספירער פונ זיין ווילן—זאָל דאָס זיין אפילע א פאַרברעכער, וואָס דעקט זיך צו מיט א קאָמוניסטישן בילעט און וואָס הינטער זיין פלייצע באהאלט זיך אויס א הייפל פרינציפּלאָזע קאריעריסטן און ליבהאָבער פונ הויכע פּאָסטנס. אונדזער ענטפער אפ דעם אַלעם קאָן זיין בלויז א פאַרשטאַרקטע רעוואָליוציאָנערע וואכזאמקייט בענגעגייע דעם קלאסנ־סוינע.

מיט זייער פאַרברעכן אין לענינגראד האָבן די סאָנים פונ דער ראטנמאכט, ווייזט אויס, געוואָלט אריינברענגען א צעטומלונג אין אונדזערע רייען. צי ווייזן זיי ניט אָט די אויסרעכענונגען פונ די סאָנים זייער גאַנצע אָפּגעריסנקייט פונ די מאסן, זייער פולע אָפּגעריסנקייט פונעם לעבן פונ לאַנד? די מיליאָניקע מאסן ארבעטער און פויערים האָבן אָפן שאָס אין לענינגראד געענטפערט אפ זייער אויפן, געענטפערט מיט אַן אויסשליסלעכער קראַפט פונ צוזאמענשליסן זייערע רייען ארום דער ראטנמאכט, ארום דעם כ' סטאַלין (*שטורמישע, לאַנגדויערנדיקע אפּלאָדיסמענטן, וואָס גייען איבער אין אַן אָוואציע. אַלע שטייען אויף*). א גרעסערע פּאָליטישע דעמאָנסטראציע פאַר אונדזער זאך און קעגן אירע סאָנים איז שווער זיך פאָרצושטעלן.

אַלזאָ, אויסבויענדיק דעם סאָציאַליסטישן פונדאמענט און דירעקט ארומכאַפּנדיק מיט דער סאָציאַליסטישער בויונג די איבערוועגנדיקסטע מאסע ארבעטנדיקע, האָט זיך אונדזער לאַנד פונ א לאַנד א נעפּישעס פאַרוואַנדלט אין א לאַנד א סאָציאַליסטישעס, נאָך דעם, ווי עס האָט דורכגעמאכט א ריי עטאַפּן פונעם נעפּ און אויך איצט נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעלעבט זיינע לעצטע סטאַדיעס. צוגלייך מיטן אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאפט גייט א מעכטיקער אופשטייג פונ די שטייגער־באַדינגונגען און פונ דער קולטור פונ די ארבעטנדיקע. די ארבעטערשע און פויעריש־קאָלווירטישע מאסן זיינען ווי קיינמאָל צוזאמענגעשלאָסן ארום דער פארטיי. שנעל וואַקסן די קאַדרען נייע און נייע בויער פונ סאָציאַליזם פונ צווישן די ארבעטנדיקע, און באַזונדערס

פון צווישן די פרויען, יוגנט, ארויסרופנדיק בא אונדז א באַרעכטיקטן שטאָלץ און גרויסע האָפענונגען.

אָט זיינען די פאַקטן, וואָס אַף זייער גרונט דאַרפן מיר מאַכן די גרונט־אויספירן וועגן אונדזער פּאָליטיק און וועגן אונדזערע אופגאַבן פונעם היינטצייטיקן פּעריאָד.

קעדיי ניט איבערצוכאַזערן דאָס, וואָס עס דרינגט ביז גאָר קלאָר ארויס פון די האָזיקע פאַקטן און פון אַל דעם געזאָגטן, און קעדיי צו קאָנצענטרירן אין אונדזערע אויספירן די אופמערקזאַמקייט אַפן אײ־קער, דה. „אַף די מענטשן, וואָס האָבן באַהערשט די טעכניק", וועל איך זיך באַנוצן מיט כ' סטאַלינס באַוווּסטע ווערטער צו די מעטאַלורגן:

„זאָרגזאַם אויסכאָווען און קוואַליפיצירן די מענטשן, ריכטיק פאַנאַנדערשטעלן און אָרגאַניזירן זיי אין דער פּראָדוקציע, אָרגאַניזירן דעם אַרבעטלוין אַזוי, אַז ער זאָל פאַרפעסטיקן די אַנטשײדנדיקע רינגען פון דער פּראָדוקציע און באַוועגן די מענטשן צו א העכערער קוואַליפיקאַציע, — אָט וואָס מיר דאַרפן איצט האָבן, קעדיי צו שאַפן א פילצאָליקע אַרמיי פּראָדוציר־טעכנישע קאַדרען".

אין אָט די קורצע ווערטער כ' סטאַלינס זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע גרונט־אויספירן פאַר אונדזער גאַנצער אַרבעט.

ערשטנס, „זאָרגזאַם אויסכאָווען און קוואַליפיצירן די מענטשן" (סטאַלין). ניט געקוקט אַף דעם אַלעם, וואָס עס איז אופגעטאָן געוואָרן ביז אַהער, איז דאָס די אַקטועלסטע אופגאַבע פונעם מאָמענט.

אינעם צענטער פון אַלע ווירטשאַפטלעכע אופגאַבן פונעם צווייטן פינפיאָר איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דאָס פאַרענדיקן די טעכנישע רעקאָנסטרוקציע פון אַלע צווייגן פון דער פאָלקווירטשאַפט. מיר האָבן שוין ניט ווייניק אָן אַרבעט געטאָן איבער דער טעכנישער רעקאָנסטרוקציע פון דער אינדוסטריע, לאַנדווירטשאַפט און טראַנספּאָרט. ניט ווייניק נייע טעכניק, נייע פּראָדוקציעס, נייע אויסשטאַטונג, קאָמפּליצירטע אונטערנעמונגען האָבן מיר שוין אַריינגעבראַכט אין דער פאָלקווירטשאַפט. נאָר דאָס איז בלויז א קלײנער טייל פון דעם, וואָס מיר ווילן האָבן אין דער ענדגילטיק טעכניש רעקאָנסטרוירטער ווירטשאַפט פונעם לאַנד. אין דער טעכנישער איבערבאַוואָפענונג פונעם ראַטנפאַרבאַנד גייען מיר פאָרויס מיט עכט רעוואָלוציאָנערע טעמפּן.

טוענדיק אזוי, פילנ מיר בלויז אויס איינע פונ די גרינטלעכסטע היסטאָ=
רישע פליכטנ פונ דער ערשטער אינ דער וועלט פראָלעטארישער מלוכע.

פונ דער אנדערער זייט, איז שוינ אָט עטלעכע יאָר, ווי די פארטיי האָט
אוועקגעשטעלט די אויפגאבע צו באהערשנ די טעכניק אונ די אויפ=
גאבע צו באהערשנ די נייע מאשינעס אונ פראָדוקציעס, אלס אנטשיי=
דנדיקע פראקטישע אויפגאבע, ווייל מיר ווילנ, אז אלצ, וואָס מיר
בויענ אויס, זאָל ארבעטנ גוט, ניט ערגער, נאָר בעסער, ווי בא די
קאפיטאליסטנ. פאר אונדזערע אויגנ האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א
גרויסע ארבעט צו פארווירקלעכנ די דאָזיקע אויפגאבעס. עס וואקסנ אונ
פארברייטערנ זיכ די קאדרענ נייע אינזשעניערנ, אגראָנאָמענ, טעכני=
קער, פראָדוציר=טוער, קולטור=טוער אונ אנדערע. ער וואקסנ
מענטשנ מיט א נייעמ צוגאנג צו דער ארבעט, אונ צווישנ זיי האָבנ
מיר שוינ ניט ווייניק בויער פונ דער נייער געזעלשאפט, וואָס זיינענ
ביזנ סאָפ איבערגעגעבנ דעמ סאָציאליזמ. צוזאמענ מיט זיי באקו=
מענ זיכ א סאכ גרעסערע רעזולטאטנ אויכ פונ דער ארבעט פונ די
אלטע קאדרענ ספעציאליסטנ. אָנ די נייע מענטשנ, וואָס האָבנ בא=
הערשט די טעכניק, איז שוינ בא אונדז איצט ניט מעגלעכ קיינ איינ
ערנסטע פראָדוקציע, אָנ זיי ארבעט ניט אונ קאָנ ניט ארבעטנ קיינ
איינ זאוואָד. עס זיינענ פאראנ אויכ אזעלכע אונטערנעמונגענ אונ אויכ
נייע פראָדוקציעס, צומביישפיל, די פראָדוקציע פונ סינטעטישנ קאוי=
טשוק, וואָס זייער אנטוויקלונג געפינט זיכ קימאט אינגאנצנ אינ די
הענט פונ די נייע טעכנישע קאדרענ.

אונ עס איז נייטיק, אז אָט די זאכ, די זאכ פונ אויסכאָוועג אונ
קוואליפיצירנ מענטשנ, אינ העסקעמ מיט דער גרונט=אויפגאבע
טעכניש צו רעקאָנסטרוירנ אלע צווייגנ פונ דער פאָלקווירטשאפט,
זאָל איצט א רוק טאָנ זיכ פאָרויס אינ א נאָכ ברייטערנ פראָנט. מע
דארפ, אז די טעכנישע קוואליפיקאציע פונ אָט די קאדרענ זאָל זיכ
אויפהייבנ אפ דער געהעריקער הייכ אונ זאָל ניט אָפשטיינ פונ דער
קוואליפיקאציע פונ די אויסלענדישע ספעציאליסטנ. דער קוואליפיקא=
ציע, דה. דער קוואליטעט פונ דער וויסנשאפטלעכ=טעכנישער צו=
גרייטונג, זיינענ מיר איצט מעכוייעוו אָפצוגעבנ אזויפיל אויפמערק=
זאמקייט, וויפל עס איז נייטיק, קעדיי ווירקלעכ צו דעריאָגנ אונ ארי=

בעריאָגנ די אינ טעכניש-עקאָנאָמישער הינזיכט פאָרגעשריטענע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אונ דערשלאָגנ דארפנ מיר זיכ עס אינעמ סאַמע קירצסטנ טערמינ. אויסכאָווענ די דאָזיקע קאדרענ, באזונדערס פונ צווישנ דער פּאַרטייִשער אונ אומפּאַרטייִשער יוגנט, מאכנ זיי פאר איבערגעגעבענע צו זייער ארבעט אונ פאר באוווסטזיניקע בויער פונ סאָציאַליזמ,—אזוי אויסכאָווענ די נייע ארמיי ספּעציאַליסטנ—דאָס איז אונדזער אופגאבע. אפ דעמ טאָר מענ ניט זשאַלעווענ קיינ מיטלענ אונ קיינ קרעפטנ. קיינ איינ זאכ וועט זיכ איצט אזוי שנעל ניט דעקנ אונ קיינ איינ זאכ וועט ניט געבנ אזעלכע פרוכט, ווי די דערפאָלגרייכע דערלייזונג פונ דער דאָזיקער אופגאבע.

צווייטנס, „ריכטיק פאנאנדערשטעלנ אונ אָרגאַניזירנ זיי (די מענטשנ) אינ דער פּראָדוקציע“ (סטאַלינ). דאָ זיינענ פאָרמולירט געוואָרנ אונדזערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אופגאבנ. טאַקע אָט די אופגאבנ האָט דער XVII פּאַרטיי-צוזאמענפאָר אָפּגעגעבנ אויסשליסלעכע אופמערקזאמקייט. די קראפט פונ אָרגאַניזאַציע פאַרשטייענ באָלשעוויקעס.

וואָס פאר א פּראַגע פונ פּראַקטישער בויונג איר זאָלט ניט נעמענ פאר דער לעצטער צייט, וועט איר זענ, אז די פּאַרטיי האָט קאָנצענטרירט די אופמערקזאמקייט אפ די אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמענ, אפנ מעטאָד פונ דער ארבעט, אפ דער קאָנסטרויִרונג פונעמ אַפּאַראַט, אפנ צוקלייבנ די מענטשנ, אפנ קאָנטראָל איבער דער אויספּילונג. אָט דאָס הייסט טאַקע—ריכטיק פאנאנדערשטעלנ די קרעפטנ. נעמט, צומבייִשפּיל, דאָנבאס. פאר דער פּאַרטיי אונ פאר דער רעגירונג איז געשטאַנענ א גרויסע אופגאבע — דערשלאָגנ זיכ, עס זאָל ריכטיק דורכגעפירט ווערנ די אופגאבע פונ מעכאַניזאַציע אונ דערמיט זאָל דער קוילנ-ארויסבאַקומ אופגעהויבנ ווערנ אפ דער געהעריקער הייכ. אינ פאַרלויפ פונ א לאַנגער צייט איז די דאָזיקע ארבעט געגאַנגענ פאָרויס מיט טשערעפּאַכע-טריט. אינ דער אנטשיידענער מינוט האָט די פּאַרטיי קאָנצענטרירט דעמ פייער אפנ קאָנצעליאַריש-ביוראָקראַטישנ מעטאָד אינ דער ארבעט פונ די ווירטשאַפטלעכע אָרגאַנענ פונ דאָנבאס, ווי אפ דער הויפּט-שטערונג. ווער-ניט-ווער פונ די „טשינענ“ האָט דערביי באַקומענ א היפּשנ כיילעק. עס זיינענ דעמאַסקירט געוואָרנ ניט ווייניק אזוינע קלאָגעדיקע אָנפירער, וואָס האָבנ זיכ צוגעוווינט

צו ארבעטן אַלטמאָדיש און האָבן געפּרוווט מיט אָרומיקע וועגן איגנ=
נאָרירן די פראגע וועגן איבערבויען די ארבעט. אָנרייבנדיק ווי געהע=
ריק די קאנצעליאַריסטן און ביוראָקראַטן און דורכפירנדיק א גרוי=
סע ארבעט צווישן די ארבעטער=מאַסן צו דערקלערן זיי די באַ=
דייטונג פונעם קאמף קעגן דעם קאנצעליאַריש=ביוראָקראַטישן מע=
טאָד אין דער ווירטשאַפטלעכער ארבעט, האָבן מיר זיך דערשלאָגן
א גרויסן דערפאָלג. דאָנבאַס איז ארויס אפן ברייטן וועג, ער
האָט דאָס דערוויזן דערמיט, וואָס ער האָט פולשטענדיק אויסגעפילט
אינעם פארגאנגענעם יאָר דעם פּלאַן פון קוילן=ארויסבאַקום.

נאָר אויב די פּארטיי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר הארבער קריטיק פון די פעלערן אינעם ווירטשאַפטלעכן אַפּאַראַט, האָט זי מיט איר גאַנצער איינשטעלונג — שוין צייט צו באַהערשן די טעכניק! שוין צייט צו ארבעטן אין טאַך אריין און ניט אָנטרויען בלינד דעם אַפּאַראַט! — געזאָגט: אונדזערע אָנפירנדיקע קאַדרען און אין דער ערשטער ריי די קאָמוניסטן זיינען פייִק און קאָנען באַהערשן די אָנ=
געטרויטע ארבעט, אויב זיי וועלן זיך נעמען פאַר דער דאָזיקער ארבעט ערנסט, אויב זיי וועלן זיך ניט אָפּשטעלן פאַר די ערשטע שוועריקייטן אין אָט דער נייער ארבעט. קריטיקירנדיק די פעלערן און אָנ
ראַכמאָנעס שלאָגנדיק דעם ביוראָקראַטיזם אינעם מעלוכישן אַפּאַראַט, האָט די פּאַרטיי צוזאַמען דערמיט אריינגעזאָגט זיכערקייט און מוטיקייט אין די רייען בויער פונעם סאָציאַליזם, אין אונדזערע קאָמוניסטישע קאַדרען. די דאָזיקע איינשטעלונג פון דער פּאַרטיי האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דערוועקן פרישע קרעפטן און ארויסצורוקן נייע פּאַרטייִשע און אומפּאַרטייִשע קאַדרען, און צוזאַמען דערמיט האָט זי געהאָלפן איבערבויען די ארבעט פון די אַלטע קאַדרען.

נאָכן געזאָגטן זיינען קלאָר די יעסוידעס פון דער רעאָרגאַניזאַציע ניט נאָר פון פיל אָרטיקע, נאָר אויך פון צענטראַלע אָרגאַנען, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם לעצטן פּעריאָד. דאָך קען מען די ארבעט ניט האַלטן פאַר פאַרענדיקט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אין דער פּראָ=
דוקציע, פּונקט אזוי ווי די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן אינעם גאַנצן מעלוכע־אַפּאַראַט, דאַרפן מיר אויך ווייטער אָפּגעבן ערנסטע אויפמערקזאַמקייט. איצט, ווען עס זיינען דעראָבערט געוואָרן אַלע גרונט=האַנאָכעס

פאר דעמ אלזייטיקנ אופשטייג פונ דער פאָלקווירטשאפט אונ אויכ פונעמ לעבנ=שטייגער אונ קולטור פונ די ארבעטנדיקע, איז די ריכטיקע אָרגאניזאציע פונ דער ארבעט — די הויפט=פליכט פונ די קאָמוניסטנ, די הויפט=אויפגאבע פונ דער אָנפירונג.

דריטנס, „אָרגאניזירנ דעמ ארבעטלוינ אזוי, אז ער זאָל פארפעסטיקנ די אנטשיידנדיקע רינגענ פונ דער פראָדוקציע אונ באוועגנ די מענטשנ צו העכערער קוואליפיקאציע" (סטאלינ).

דאָ האנדלט זיכ ניט נאָר וועגנ קאדרענ, נאָר אויכ וועגנ דער גאנצער מאסע ארבעטער. אונטערשטרייכנ די אויפגאבע פונעמ ארבעטלוינ,— איז איצט אנ אויסשליסלעכ אקטועלע אויפגאבע פונ אונדזער גאנצער בויונג, ביפראט נאָכ, אז דאָס איבערכאפנ די מאָס אינ דער פארטיילונגסיסטעמ פונ דער באזאָרגונג, וואָס האָט בא אונדז עקזיסטירט, פלעגט ניט זעלטנ ארויסרופנ א פארברעכעריש=נאכלעסיקע באציונג צו די פראגנ פונ אָרגאניזירנ דעמ ארבעטלוינ.

אָרגאניזירנ דעמ ארבעטלוינ באטייט — מאכנ אימ פארנ גרונט־הייבער פונעמ אופשטייג פונ דער פראָדוקציע. דאָס באטייט ענדגילטיק מאכנ א סאָפ צו אזא אָרדענונג, ווענ דער ווירטשאפטלער פלעגט איבערגעבנ די דאָזיקע זאכנ צו צווייטראנגיקע פערזאָנענ אונ אליינ פלעגט ער זיכ בלויז אינטערעסירנ מיטנ פאפירענעמ פלאנ פונ אויסגעבנ דעמ „ארבעטלוינ=פאָנד". אָרגאניזירנ דעמ ארבעטלוינ באטייט—קענענ די אייגענע ארבעטער, וויסנ זייער קוואליפיקאציע, וויסנ ווו זיינענ די באשליסנדיקע באצירקנ פונ דער פראָדוקציע אונ וועמענ מע דארפ סטימולירנ אינ דער ערשטער ריי. אזא אָרגאניזירונג פונעמ ארבעטלוינ איז ניט מעגלעכ, אויב מע באהערשט ניט די יעסוידעס פונ דער פראָדוקציע, אויב מע פארשטייט ניט די באדייטונג פונ דער פראָדוצירטעכניק. אָרגאניזירנ דעמ ארבעטלוינ באטייט — ווענדנ די אָנשטרענגונגענ פונ דעמ גאנצנ ארבעטער=קאָלעקטיוו אינ דעמ געהעריקנ שטראָמ, באטייט — פארצווייפאכנ די אייגענע קרעפטנ.

די לעצטע דריי יאָר האָבנ זיכ די גרונט־קאדרענ ארבעטער אינ די זאוואָדנ אונ אינ דער בויונג סטאביליזירט. אָבער בא דעמ גאנצנ וווּקס פונ דער פראָדוציר־דערפארונג, בא דער קאָלאָסאלער ארמיי נייע ארבעטער, האָבנ מיר נאָכ וויניק אויפגעטאָנ צומ אויסשמידנ פעסטע זאוואָ־

דישע קאַדרענ און באַוואָרענענ די אַנטשיידנדיקע באַצירקנ מיט אַרבעטער, וואָס ווייסנ ווי געהעריק זייער אַרבעט, זייער אויסשטאַטונג און זייערע פליכטנ. מע טאָר אויכ ניט פאַרגעסנ, אַז די אַלטע קאַדרענ אַרבעטער קומט אויכ אויס ניט זעלטנ איבערצוגרייטנ זיכ, ווײַל די נײַע טעכניק איז זיי ווייניק באַקאַנט.

די אַרבעטלוינ-פּאָליטיק פונ דער ראַטנמאַכט איז געווענדט צומ אויפהייבנ דעמ לעבנ-ניוואָ פונ דער גאַנצער מאַסע אַרבעטער, דאָס איז, אַזוי צו זאָגנ, איר יעסאָד פונ די יעסוידעס. אָבער נאָר פּלאַפּלער-אָפּאָרטוניסטנ קאָנענ אַפּ דעמ דאָזיקנ גרונט פאַרבײַטנ אונדזער פּאָליטיק אַפּ דער פּאָליטיק פונ קליינבירגערלעכער אויסגלײַכערײַ אינעמ אַרבעטלוינ, ניט רעכענענדיק זיכ מיט דער אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט, ניט רעכענענדיק זיכ מיט דער קוואַליפיקאַציע פונעמ אַרבעטער. די באָלשעוויסטישע פּאָליטיק פאָדערט אַנ אַנטשיידענעמ קאַמפ קעגנ די „אויסגלײַכער", ווי קעגנ מיטהעלפער פונעמ קלאַסנ-סוינע, ווי קעגנ פײַנטלעכע דעמ סאָציאַליזמ עלעמענטנ. סאָפּקאָלסאָפּ איז די הויפּט-אויפגאַבע פונעמ סאָציאַליזמ אויפצוהייבנ די אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט אַפּ אַזאַ הייכ, וואָס איז ניט צוטריטלעכ פאַר קיינ שומ אַנדערער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אָנ דעמ קאָנ דער סאָציאַליזמ ניט זײַנ. די פּריציפּ-ביטלדיקע באַציונג צומ אָרגאַניזירנ דעמ אַרבעטלוינ איז אינדערעמעסנ אַנ אָפּגרענעצ פונ די זעלבע קליינבירגערלעכע אויסגלײַכערישע רעשטלעכ. די באַוווסטזיניקע אַרבעטער באַציענ זיכ צו דעמ אַנדערש. מיר דאַרפנ זיכ דערשלאָגנ, אַז יעדער אַרבעטער זאָל פאַרשטיינ, אַז פאַר העכערער אַרבעט-פּראָדוקטיווקייט, פאַר אַרבעט אַפּ אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכנ באַצירק, פאַר בעסערער קוואַליפיקאַציע דאַרפ זײַנ אַ העכערער אַרבעטלוינ,— דאַנ וועט אונדזער אינדוסטריע וואַקסנ נאָכ שנעלער, סכוירע וועט זײַנ איבערגענוג און געווינענ וועט דער גאַנצער אַרבעטער-קלאַס.

אַפּנ XVII פּאַרטיי-צוזאַמענפאָר האָט כ' סטאַלינ דערקלערט, פאַרוואָס איז די גרונט-פאָרמ פונ דער קאָלווירטישער בויונג אינעמ געגעבענעמ פעריאָד דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרטעל און ניט די קאָמונע, צו וועלכער מיר זײַנענ נאָכ ניט דערוואַקסנ. ס'איז דאָכ קלאָר, אַז נאָר אינעמ אַרטעל באַקומענ איצט די קאָלווירטניקעס אַ ריכטיקע צונויפּפאָרונג פונ דער פּערזענלעכער פאַרינטערעסירטקייט מיטנ גע-

זעלשאַפטלעכנ קאָלווירטישנ אינטערעס. אונ בלויז דערמיט קאָנ מענ מאַקע באַוועגנ פאָרויס דאָס קאָלווירטישע וועזנ. דער קאָלווירט (ארטעל) אונ נימ די קאָמונע באַשליסט איצט דעמ אופשטייג פונ דער לאַנדווירטשאַפט אונ בלויז דער דאָזיקער וועג פירט צומ דערפאָלג פונעמ סאָציאַליזמ אינ דאָרפ, זיכערנדיק אַזאַ צונויפפאָרונג פונ די אינטערעסנ פונ יעדנ קאָלווירטניק באַזונדער אונ פונעמ קאָלווירט אינגאַנצנ, וואָס באַוועגט פאָרויס די קאָלווירטישע אָרדענונג אונ פאַרבעסערט שנעל דאָס לעבנ פונעמ קאָלווירטניק. בלויז אָפּזאָגנדיק זיכ פונ דער קליינבירגערלעכער אויסגלייכערײַ פונ די קאָמונעס אונ אריבערגייענדיק צו דער ארטעל=קאָלווירטישער ווירטשאַפט, איז די גאַנצע מאַסע קאָלווירטנ אַרײַנ אינעמ שטראָמ פונ געזונטנ ווירטשאַפטלעכנ אופשטייג, פונ פאַרבעסטיקנ די דיסציפּלינ אונ פונ העכערנ די ארבעט־פּראָדוקטיווקייט. דער קאַמפּ קעגנ די אויסגלייכערישע שטימונגענ אינ די קאָלווירטנ איז אויכ איצט אַנ אַקטועלע אופגאַבע, ווי יעדער אַנדערער קאַמפּ קעגנ די רעשטלעכ פונעמ קאַפּיטאַליזמ אינעמ באַוווּסטזײַנ פונ די קאָלווירטניקעס.

אונ איצט, ווענ נעפּ איז שוינ געוואָרנ ניט די נײַע, נאָר די אַלטע עקאָנאָמישע פּאָליטיק, אונ דאָס לאַנד אונדזערס איז געוואָרנ אַ סאָציאַליסטישעס לויט זײַנ יעסאָד אונ לויט דער אַנטשיידנדיקער מערהייט פונ דער באַפעלקערונג, איז די פראַגע וועגנ צונויפפאָרנ ריכטיק דעמ פערזענלעכנ אינטערעס אונ די געזעלשאַפטלעכע נוץ אינ דער פּראָדוקציע—די צענטראַלע פראַגע אינ דער בויונג פונעמ סאָציאַליזמ. זיכערנ דעמ אַלגעמײַנעמ אופשטייג פונ דער מאַטעריעלער לאַגע פונ די ארבעטנדיקע אונ צוזאַמענ דערמיט די ארבעט אינ די וויכטיקסטע פּראָדוציר־ריינגענ, די הויכע ארבעט־פּראָדוקטיווקייט אונ דעמ וווּקס פונ דער קוואַליפיקאַציע פונ באַזונדערע טוער, סטימולירנ דורכנ פאַרגרעסערנ די ארבעט=באַלוינונג אונ אפּ דעמ בויענ אונדזער ארבעטלוינפּאָליטיק—דאָס איז אונדזער אופגאַבע. די ריכטיקע לייזונג פונ דער דאָזיקער אופגאַבע איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז מיר וועלנ מיט דערפאָלג בײַקומענ אפּ אונדזער וועג אַלע אונ אַלערלײַ שוועריקייטנ.

***

די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט ארויסגעפירט אונדזער לאַנד פונ דער סיסטעמ פונעמ וועלט־קאַפּיטאַליזמ אונ געעפנט אַ נײַ בלעטל אינ

דער וועלט=געשיכטע. דאָס לאנד, וואָס איז אונטער דער מאכט פונעם צאריזם פארוואנדלט געוואָרן אין א „פעלקער־טורמע", איז פון די אָקטיאבער=טעג פון 1917 געוואָרן א פאָרפּאָסט פון דער וועלט=געשיכטע.

„די קיינעם ניט באוווסטע" באָלשעוויקעס—אזוי האָט זיי געוואָלט מאכן די בורזשואזיע!—זיינען „פלוצלינג" געוואָרן א קראפט, און איצט ברענגט קיינער ניט אזא הילף דעם אלוועלטלעכן פּראָגרעס, ווי אונדזער באָלשעוויסטישע פארטיי, ווי די ארבעטער=פויערשע מאכט (אפּלאָדיסמענטן).

אזוי האָט זיך אומגעדרייט דער איניען פאר דעם היסטאָרישן פעריאָד. צי קאָן מען נאָך דעם זיך ריכטן, אז צו דער ראטנמאכט זאָלן זיך אלציינס באציען סיי די ארבעטער און סיי די בורזשואַ, סיי די קאָלווירטניקעס, סיי די באלעגופים, סיי די ארבעטנדיקע אין די קאָלאָניעס און סיי די אימפעריאליסטן?

צי זעען מיר דען ניט, פארקערט, אז מיצאד דעם קאפיטאליזם און זיינע רעשטלעך אין אונדזער אייגן לאנד ווערן געמאכט אלץ נייע און נייע אטאקעס אפ דער מאכט פון די ראטן?

די קעגנער פון דער ראטנמאכט אין דער בורזשואזער און מענשעוויסטיש־סאָציאליסטישער פרעסע טייענען נאָך גאנץ אָפט: ניין, דער ראטנפארבאנד איז ניט קיין לאנד פון סאָציאליזם, נאָר עפעס גאָר אנדערעס. קעדיי צו טרייסטן זיך, באזאָרגן זיי איבער די אויסטראכטענישן וועגן „מעלוכישן קאפיטאליזם", — אויסטראכטענישן, אין וועלכע זיי אליין גלייבן ניט. און ווער וועט עס גלייבן דערין, אז עס איז פאראן א קאפיטאליזם—אָן קאפיטאליסטן, א קאפיטאליזם—אָן קריזיסן, א קאפיטאליזם—אָן ארבעטלאָזיקייט. די הערן קאפיטאליסטן וועלן מיסטאָמע באלד ארויסיאָגן פון זייער פרעסע די אלע פלאפלער, ווי שוין צו־נארישע רעכילעסניקעס אפן סאָציאליזם. מיר פון אונדזער זייט וואָלטן געוואָלט בלויז איינס, — אז די ארבעטער, וואָס פאר א מעהאלעך עס זאָל זיי פון אונדז ניט אָפטיילן, זאָלן וואָס מער וויסן וועגן דעם ראטנפארבאנד, וועגן אלע אונדזערע שוועריקייטן און ניצחוינעס אין דער בויונג פונעם נייעם לעבן. איצט ווילן מיר דאָס נאָך מער, ווייל „רוסלאנד איז געוואָרן א סאָציאליסטיש".

אונדזער מעלוכע=אפאראט, וואָס באַ אלע זײַנע בעסרוינעס זיכערט
ער אונדז די מעגלעכקייט צו פארווירקלעכנ דעמ גרויסנ פּלאנ פונ סאָ=
ציאליסטישער בוייונג, שילדערנ די סאָנימ ווי א מינ ביוראָקראטישנ אי=
בערבוי, וואָס פאַרט זיכ ניט מיט די אנטוויקלונג=אינטערעסנ פונ באַ=
זונדערע מענטשנ אונ טאלאנטנ. אָבער די דאָזיקע „קריטיק" פונעמ
ביוראָקראטיזמ דעקט בלויז צו די עכטע צילנ פונ די סאָנימ: אונטער-
רייסנ דעמ אפאראט פונ דער ראטנמאכט, וועלכער פארוואלטעט מיט
דער גיגאנטישער ווירטשאפט פונעמ לאנד אינ די אינטערעסנ פונ די
ארבעטנדיקע, וועלכער איז געקומענ אָנשטאָט די אלע גרויסע אונ קליינע
באלעבאטימלעכ, וואָס האָבנ פריער ווירקלעכ זיכ „אנטוויקלט" אונ גע=
לעבט פארנ אייגענעמ ווילטיק, אָבער אפנ כעזשבנ פונ די פויערימ אונ
ארבעטער, אפנ כעזשבנ פונ עקספּלואטירנ די ארבעטנדיקע. מיר פאר=
שטייענ גוט, אז דער ווירקלעכער קאמפ קעגנ ביוראָקראטיזמ איז ניט
אָפּצוטיילנ פונעמ קאמפ פארנ ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ, אונ אז צוזא=
מענ מיט די דערפאָלגנ פונ דער אנטוויקלונג פונ דער גרויסער פראָ=
דוקציע סײַ אינ שטאָט סײַ אינ דאָרפ אונ צוזאמענ מיטנ וווּקס פונ דער
קולטורעלקײַט פונ די מאסנ וואקסנ קאָלאָסאל אויכ אונדזערע מעגלעכ=
קײַטנ בייצוקומענ דעמ ביוראָקראטיזמ. נאָכ נעענטער צוציענ די ארבע=
טנדיקע צו דער ארבעט פונ אונדזערע אָרגאנענ אונ אונטער דער אָנפירונג
פונ דער פארטיי נאָכ אקטיווער מאכנ זייער אָנטייל אינעמ קאמפ קעגנ
די ביוראָקראטישע פארקריפלונגענ אינ אונדזער אפאראט, — דערינ
זעענ מיר איינע פונ די וויכטיקסטע אויפגאבנ אונדזערע, ווייל מיר
ווייסנ, אז דאָס איז דער ריכטיקער וועג צו פארשנעלערנ דעמ פול-
שטענדיקנ ניצאָכנ פונעמ סאָציאליזמ.

אינ די בורזשואזע לענדער, ווו די מינדערהייט — די עקספּלואטא-
טערס—הערשט איבער דער מערהייט, איבער די ארבעטנדיקע, שטרע=
בנ די אָרגאנענ פונ דער מעלוכע-מאכט צו פארבאהאלטנ פונ די מאסנ
זייער ווירקלעכנ קלאסנ=בארופ, אלס אָרגאנענ אפ אָפּהיטנ דעמ קאפּי=
טאל קעגנ די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע. דער בורזשואזיע קומט
אויס צו באהאלטנ איר דיקטאטור אונטער פארשיידענע פאָרמענ פונ
פארלאמענטאריזמ אונ האלטנ די מאסנ וואָס ווייטער פונ איר פארוואל-
טונג-אפאראט. אפילע אינ די מעלוכעס פונעמ פאשיסטישנ טיפּ, וואָס

זיינענ אָפנ באַרופנ צו האַלטנ די אַרבעטנדיקע אינ מוירע אונ געהאָרכזאַמקייט אונטערנ שטיוול פונ די קאַפּיטאַליסטנ, פאַרדעקט די בורזשואַזיע פּאַכדאָנעסדיק די רויב־ציינער פונ איר דיקטאַטור אונטער דעמ שילד פונ פאַרשיידענע פאָרשטייערשאַפטנ, פונ דער באַפעלקערונג קלוימערשט, אונ דאָס איז פאַרשטענדלעכ. א דעמאַסקירטע, וועט די בורזשואַזע דיקטאַטור, אַפילע אינ א דעמאָקראַטיש היטל, פאַרלירנ אינ די אויגנ פונ די אַרבעטנדיקע יעטווידער אויטאָריטעט, ווי א מאַכט, וואָס איז פאַר די אַרבעטנדיקע ביז גאָר פרעמד אונ פיינטלעכ.

בלויז די דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט, וואָס פאַרקערפּערט אינ זיכ דעמ בונד פונ די אַרבעטער אונ פויערימ אונטער דער אָנפירונג פונעמ אַרבעטער־קלאַס, איז די מאַכט פונ די אַרבעטנדיקע, איז א דיקטאַטור, וואָס ניט נאָר זי האָט ניט וואָס מוירע צו האָבנ פאַר די אַרבעטנדיקע, נאָר וואָס, פאַרקערט, זי זעט איר קראַפט אינעמ צוציענ די אַרבעטנדיקע מאַסנ צומ אַקטיווג אָנטייל אינ דעמ גאַנצנ פאַרוואַלטונג־איניענ. נאָר אזא דיקטאַטור, האָבנדיק צעבראָכנ די בורזשואַזע מאַשינ צוזאַמענ מיט איר באַזע — דעמ פריוואַט־אייגנטומ — אונ האָבנדיק אַוועקגעשטעלט אינ צענטער די אַנטוויקלונג פונעמ געזעלשאַפטלעכנ אייגנטומ אינ די אינטערעסנ פונ די אַרבעטער, נאָר אזא דיקטאַטור קאָנ בויענ די נייע געזעלשאַפט, א געזעלשאַפט אָנ קלאַסנ, וואָס וועט געבנ די מעגלעכקייט אויפצוהייבנ דעמ וווילשטאַנד אונ די קולטור פונעמ פאָלק אַפּ א ווירקלעכ הויכנ ניוואָ. מיר זיינענ גרייט צו אָנערקענענ, אז אינ אונדזער אָרדענונג זיינענ נאָכ פאַראַנ פיל קליינע אונ גרויסע דעפעקטנ, אָבער דער יעסאָד אירער — דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטומ אונ די מאַכט פונ די אַרבעטנדיקע — איז א גרויסע אונ אומבאַזיגבאַרע קראַפט (אַ פּ לאָ ד י ס מ ע נ ט נ).

אונדזערע ראַטנ זיינענ די פאַרקערפּערונג פונ דער דיקטאַטור פונעמ פראָלעטאַריאַט. אַלס מאַכט־אָרגאַנענ פונ די אַרבעטנדיקע, דאַרפנ זיי זאָרגנ פריער פונ אַלצ וועגנ פאַרפעסטיקנ דאָס געזעלשאַפטלעכע, מעלוכישע אונ קאָאָפּעראַטיוו־קאָלווירטישע אייגנטומ אונ וועגנ אָפּהיטנ די אינטערעסנ פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַלס מאַכט־אָרגאַנענ דאַרפנ זיי וואַכזאַמ אַכטונג געבנ אונ טרעפלעכ שלאָגנ די אַגענטנ

פונעם סוינע און, צוזאמענע דערמיט, זיין פילבאר און זארגזאם צו די לעבעדיקע מענטשן, צו יעדן ארבעטנדיקן.

פון דעם אלעמען איז קלאר, ווי מיר דארפן זארגן וועגן פארבעסערן די ארבעט פון די ראטן.

מיר דארפן, אז עס זאל נאך מער זיך פאנאנדערוויקלען די ארבעט פון די סעקציעס פון די ראטן, פון די דעפוטאטן־גרופעס אין די אונטערנעמונגען, פון די שעפ־גרופעס און סאצפארטרעטער אין די אנשטאלטן. מיר דארפן, אז די ראטן זאלן נאך פעסטער זיך פארבינדן מיט די ארבעטער־מאסן. מיר דארפן, אז די שטאטישע ראטן, אויספילנדיק זייערע פליכטן דורכצופירן די פאליטיק פון אינדוסטריאליזאציע און טעכנישער רעקאנסטרוקציע, זאלן פארשטארקן זייער זארג וועגן די שטייגערישע און קולטורעלע באדערפענישן פון די ארבעטער און ארבעטערנס, זאלן ארבעטן אפ פארבעסערן דעם האנדל און דעם וווינונג־וועזן, זאלן אופהייבן די ארבעט אין די שולן און שפיטאלן, זאלן פארבעסערן די קינא און די ביבליאטעקן, זאלן מאכן ארדענונג אין די בעדער און אפ די פיזקולטור־פלעצער און זאלן קעסיידער העכערן די ארבעט־קוואליפיקאציע און די פאליטישע דערציונג פון דער ארבעטער־יוגנט — אט דער גרויסער קראפט פונעם סאציאליזם.

מיר דארפן, אז אונדזערע דארפראטן זאלן ווי געהעריק פארבינדן זייער ארבעט מיטן אופשטייג פונעם קאלווירטישן דארף, זיי זאלן דורכן די קאלווירטן און ראטווירטן העלפן דעם אופשטייג פון דער לאנדווירטשאפט און דעם קולטור־וווקס פון די קאלווירטניקעס, זיי זאלן אנטוויקלען דעם שפיטאל־און שול־וועזן, זיי זאלן באזארגן מיט א בוך, מיט א צייטונג און מיט קינא די ברייטסטע מאסן, זאלן דורכלייגן וועגן און דורכפירן טעלעפאנען אין דארף און זאלן ווידעראמאל אלמעגלעכ זארגן וועגן דער ארבעט־קוואליפיקאציע און פאליטישער באוווסטזיניקייט פון דער קאלווירטישער יוגנט, וואס אין איר באשטייט אונדזער צוקונפט.

אופהייבנדיק די ארבעט פון די ראטן אין שטאט און אין דארף אפ אזא הייך, אז זיי זאלן ווערט זיין דער סאציאליסטישער מעלוכע, וועלן מיר פארפעסטיקן די ראטנמאכט און זיכערן דעם פולשטענדיקן דערפאלג פון דער גאנצער זאך אונדזערער.

די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אין 1918 יאָר. אָנגעשריבן פון לענינען, איז די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע געוואָרן די פאָן פון די ארבעטנדיקע אינעם קאמף פארן סאָציאַליזם. אונטער דער דאָזיקער פאָן האָבן מיר געמאכט גרויסע פאָרשריטן. די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע האָט געפונען איר ווייטערדיקע אנטוויקלונג באם גרינדן דעם פאַרבאנד פון די סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפובליקן אינעם טעקסט פונעם „גרונט־געזעץ" פון פססר, וואָס איז פאנאנדערגעארבעט געוואָרן פונעם כ׳ סטאלין. זינט דעמאָלט האָבן די דערפאָלגן פונעם סאָציאַליזם געבראכט קאָלאָסאַלע ענדערונגען אין דער גאנצער געזעלשאפטלעכער סטרוקטור פון אונדזער לאנד. אָבער די דאָזיקע ענדערונגען האָבן נאָך נים געקאָנט געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אינעם טעקסט פון אונדזער קאָנסטיטוציע. דעריבער דארף די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע איבערגעארבעט ווערן אזוי, אז אין איר זאָלן פארפעסטיקט ווערן אזעלכע דעראָבערונגען פון דער אָקטיאבער־רעוואָלוציע, ווי די שאפונג פון דער קאָלווירטישער אָרדענונג, די ליקווידירונג פון די קאפיטאליסטישע עלעמענטן, דער ניצחון פונעם סאָציאַליסטישן אייגנטום אינעם ראַטנפאַרבאנד. אין אונדזער קאָנסטיטוציע דארפן באקומען אַן אָפּשפּיגלונג אויך די אופגאבן צו אנטוויקלען ביזן סאָף דעם סאָוועטישן דעמאָקראטיזם, די אופגאבן צו אנטוויקלען סיי די אלטע סיי די נייע פאָרמען פונעם אָנטייל פון די ארבעטנדיקע אינעם פארוואלטן מיט דער מעלוכע. פולשטענדיק אָפּשפּיגלען די דערפאָלגן פון דער נייער, סאָציאַליסטישער געזעלשאפט אין אונדזער קאָנסטיטוציע און מאכן זי פארן יעסאָד פון דער ווייטערדיקער אלזייטיקער אנטוויקלונג פונעם סאָוועטישן דעמאָקראטיזם און דערמיט באשטימען די פערספעקטיוו פאר דער גאנצער סאָציאַליסטישער בויונג—דאָס איז אונדזער אופגאבע.

ס׳איז נייטיק, אז דער VII ראטנצוזאמענפאָר זאָל זאָגן זיין וואָרט וועגן דער דאָזיקער פראגע.

ס׳איז ניט שווער צו פארשטיין די באזונדערע לאגע פון דער רעפּובליק פון די ארבעטער און פויערים, קאָלזמאן אין דער וועלט עקזיסטירט די איינציקע ראטן־מעלוכע. נאָר אויב די סיסטעם פונעם קאפיטאליזם ווערט אַלץ מער און מער צעריסן פון די שטארקע ווידערשפּרוכן און

פונ דער זייט ווערט אלץ קענטיקער, אז זי האלט זיכ שוינ גארניט אזוי פעסט אפ די אייגענע פיס, קאָנענ מיר צו אונדזערע פריינט זאָגנ, אז דער ראטנפארבאנד איז איצט, ווי קיינמאָל, גרויס לויט זיינ ווירטשאפטלעכער מעכטיקייט און לויט דער באהעפטקייט פונ די ארבעטנדיקע מאסנ ארום דער ראטנמאכט (רוישיקע אפלאָדיסמענטנ).

האָס האָבנ מיר צו פארדאנקענ פריער פאר אלץ אונדזער פארטיי, וואָס איז די נעשאָמע פונ דער גאנצער סאָציאליסטישער בויונג. מיט דער פאנאנדערגעוויקלטער פאָנ פונ מארקסיזם-לעניניזם גייט אונדזער פארטיי פאָרויס, באגייסטערנדיק די קעמפער פארנ קאָמוניזם, מיליאָניקע מאסנ פירט אונדזער סטאלינ און מיר ווייסנ פעסט,—דאָס איז דער וועג צו אונדזער פולשטענדיקנ ניצאָכנ (שטורמישע, לאנגדויערנדיקע אפלאָדיסמענטנ, וואָס גייענ אריבער אינ אנ אָוואציע. אלע שטעלנ זיכ אוף. אויסגעשרייענ: „זאָל לעבנ דער גרויסער סטאלינ! הורא! זאָל לעבנ כ' מאָלאָטאָוו!").

שלוסוואָרט

כ׳ מאָלאָטאָוו (שטורמישע, לאנגדויערנדיקע אפּלאָדיסמענטנ):

באוויירימ, די ארויסטרעטונגענ איבערנ באריכט־פּאָרטראג פונ דער רעגירונג אפנ צוזאמענפאָר האָבנ באוויזנ די פולשטענדיקע סאָלידאריש־קייט פונ די דעלעגאציעס פונ אלע רעפּובליקנ און ראיאָנענ פונעמ האטנפארבאנד מיט דער אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק פונ דער רעגירונג (שטורמישע אפּלאָדיסמענטנ). דעריבער וועל איכ אינ מײַנ שלוסוואָרט זײַנ זייער קורצ.

היינט איז אינ אונדזערע צייטונגענ פארעפנטלעכט א טעלעגראמע פונ טאָקיאָ, וואָס טיילט מיט וועגנ די לעצטע ארויסטרעטונגענ פונעמ מיניסטער פאר אויסערנ־איניאָנימ ה׳ כיראָטא אינעמ יאפּאָנישנ פּארלאמענט ספּעציעל איבער דער פראגע וועגנ די באציִונגענ צווישנ יאַפּאָניע און פססר. אינ די דאָזיקע רעדעס האָט ה׳ כיראָטא דערקלערט, אז ער איז „גרייט מאקסימאל צו אונטערשטיצנ די פרײַנטשאפט מיט פססר״ און „פארשנעלערנ די פרידלעכע אנטוויקלונג פונ די סאָוועטיש־יאפּאָנישע באציונגענ דורכ פארצווייפאכנ זײַנע אָנשטרענגונגענ צו דערלייזנ די איבעריקע ניט־דערלייזטע פּראָבלעמענ״. מיר באגריסנ די דאָזיקע דערקלערונגענ, וואָס אנטשפּרעכנ אויכ אונדזערע וווּנטשנ.

דאָכ האָט ה׳ כיראָטא געפונענ פאר נייטיק בוצ דעמ אָפּצושטעלנ זיכ אפ די שוצ־מאָסמיטלענ, וואָס מיר זײַנענ, ווי באוווּסט, געווענ געצווּנגענ פּאָרצונעמענ אפנ ווייטנ מיזרעכ, קעדיי צו באשיצנ אונדזערע גרענעצנ. דערביי האָט ער זיכ פארופנ אפנ פּאָרטסמוטער אָפּמאכ, וואָס איז געשלאָסנ געוואָרנ נאָכ דער רוסיש־יאפּאָנישער מילכאָמע אינ 1905 יאָר.

לאמיר ארײַנקוקנ אינעמ פארטסמוטער אפמאכ. דער ארטיקל II פונעמ דאזיקנ אפמאכ שטעלט אײַנ, אז „קעדײַ אויסצומײַדנ יעטווידער גרונט פאר מיספארשטייענישנ, האלטנ זיכ אפ די הויכע אפמאכ-צדדימ (דאס הייסט רוסלאנד אונ יאפאניע) פונ פארנעמענ אפ דער רוסיש-קארייִשער גרענעצ וואסערע-ניט-איז מיליטערישע מיטלענ, וואס קאנענ באדראענ די געפארלאזיקײַט פונ דער רוסישער אדער קארייִשער טעריטאריע". אנ אנאלאגישע פארפליכטונג אנטהאלט זיכ אינעמ ארטיקל IX בענעגייע דער גרענעצ צווישנ ביידע טיילנ פונעמ אינדזל סאכאלינ.

אפנ גרונט פונ דער פעקינער קאנווענציע מיט יאפאניע, וואס מיר האבנ געשלאסנ דעמ 20-טנ יאנואר 1925 יאר, היט אײַנ דער פארטסמוטער אפמאכ זײַנ אבליגאטארישע קראפט פאר יאפאניע אונ פסםר אויכ ביז איצט.

ס'איז אלעמענ באוווסט, אז פסםר פילט שטרענג אויס אלע באשטימונגענ פונעמ פארטסמוטער אפמאכ, ווי אגעוו ביכלאל אלע צווישנ-פעלקערלעכע פארפליכטונגענ, וואס ער האט אפ זיכ גענומענ. דאס געהערט, באזונדערס, אויכ צו דער פארפליכטונג, וואס דרינגט ארויס פונ די ארטיקלענ II אונ IX, ניט צו פארפעסטיקנ אונדזערע גרענעצנ מיט קארייע אונ מיט דארעמ-סאכאלינ.

דער ה' כיראטא האט אינ זײַנע רעדעס פונ 22 אונ 25 יאנואר זיכ ארויסגעזאגט פאר פארשפרייטנ די דאזיקע פארפליכטונג פונעמ פארטסמוטער אפמאכ אויכ אפ דער סאוועטיש-מאנדזשורישער גרענעצ. אבער, ווי באוווסט, באריורט ניט דער פארטסמוטער אפמאכ מיט קיינ איינ ווארט די שוצ-פארפעסטיקונגענ אפ דער סאוועטיש-מאנדזשורישער גרענעצ.

אבער פארופנדיק זיכ אפ די דערמאנטע ארטיקלענ פונ דעמ פארטסמוטער אפמאכ, האט ה' כיראטא, ווײַזט אויס, פארגעסנ וועגנ דער עקזיסטענצ פונ אייניקע אנדערע ארטיקלענ פונעמ דאזיקנ אפמאכ. אזוי, צומבײַשפּיל, שטעלט אײַנ דער ארטיקל III פונעמ דאזיקנ אפמאכ די פארפליכטונגענ פונ רוסלאנד אונ יאפאניע: 1) „עוואקויִרנ אינגאנצנ אונ אייִנצײַטיק מאנדזשוריע, כוצ דער טעריטאריע, אפ וועלכער עס ווערט פארשפרייט די ארענדע פונעמ ליאאדונער האלב-אינדזל" (פארט-ארטיק

און דײַרענ) און 2) „אומקערנ צום אויסשליסלעכנ פארוואלטנ פונ כינע אינגאנצנ און אינעם גאנצנ פארנעם אלע טײלנ פונ מאנדזשוריע", וואס זײַנענ צום מאמענט פונ שליסנ דעם שאלעם־אפמאכ פארנומענ געווארנ פונעם רוסישנ אדער יאפאנישנ מיליטער.

ווײַטער, איז לויטנ ארטיקל VII האבנ רוסלאנד און יאפאניע זיכ פארפליכטעט צו „עקספלואטירנ די אײַזנבאנ־וועגנ אינ מאנדזשוריע, וואס געהערנ צו זײ, אויסשליסלעכ מיט קאמערציעלע און אינדוסטריעלע צוועקנ, אבער בעשום אויפנ ניט מיט סטראטעגישע צוועקנ", דערבײַ איז אויסגענומענ, אז די דאזיקע באגרענעצונג רירט ניט אנ דעם אײַזנבאנ־וועג אפנ ליאאדונער האלב־אינדזל.

ענדלעכ, שטעלט אײַנ דער צוגאב־ארטיקל צום ארטיקל III פונעם פארטסמוטער אפמאכ, אז רוסלאנד און יאפאניע קאנענ האלטנ אינ מאנדזשוריע צום באוואכנ זײערע אײַזנבאנ־ליניעס ניט מער פונ 15 מאנ אפ א קילאמעטער. דערבײַ איז ספעציעל אפגערעדט, אז די צאל וואכלײַט פאר דעם דאזיקנ צוועק דארפ אײַנגעשטעלט ווערנ „א וואס מעגלעכ קלענערע, אנטשפרעכיק צו די ווירקלעכע באדערפענישנ".

ס'איז אלעמענ באוווסט, אז יפּסר האט ניט בלויז אויסגעפילט די דאזיקע פארפליכטונגענ פולשטענדיק, נאר ער האט נאכ געטאנ מער ווי דאס פאדערט דער פארטסמוטער אפמאכ. דאס איז קאנטיק דערפונ, וואס באטש דער ראטנפארבאנד האט רעכט לויטנ פארטסמוטער אפמאכ צו האלטנ אפ דער מיזרעכ־כינעזישער אײַזנבאנ, וואס איר לענג באטרעפט העכער 1700 קילאמעטער, העכער 25 טויזנט מאנ מיליטער, האט ער פרײַוויליק זיכ אפגעזאגט פונעם דאזיקנ רעכט און האלט ניט אינ צאפנ־מאנדזשוריע קײנ אײנ סאלדאט. און יאפאניע? ס'איז גענוג אפילע אויבנאויפ א קוק צו טאנ אפ די דערמאנטע ארטיקלענ פונעם פארטסמוטער אפמאכ, קעדײ צו קאנסטאטירנ, אז דער יאפאנישער צאד האט זײ אינגאנצנ פארגעסנ און היט זײ אינ קײנ מאס ניט אפ אינ מאנדזשוריע.

וואס איז שײַעכ דעם פאקט וועגנ ניט־אנפאלנ, דארפ מענ מאסקים זײַנ מיטנ ה' כיראטא, אז בלויז דאס שליסנ דעם פאקט וועגנ ניט־אנפאלנ וועט ניט דערלײזנ די פראגע וועגנ זיכערנ דעם שאלעם אפנ ווײַטנ מיזרעכ. צוזאמענ דערמיט קאנ מענ ניט ניט אנערקענענ, אז דאס

אפזאגנ זיכ צו שליסנ אזא פאקט איז א העכסט נעגאטיווע דערשיינונג אינ די צווישנ־באציונגענ פונ מעלוכעס, ווײַל אזא אפזאגנ זיכ ווירקט ניט מיט צו פארפעסטיקנ דעמ צוטרוי צו די פרידלעכע פלענער פונ יענעמ צאד, וואס זאגט זיכ אפ צו נעמענ אפ זיכ די פארפליכטונגענ פונ ניט־אנפאלנ.

איכ האב ניט די נייטיקײַט אפצושטעלנ זיכ אפ די ארויסטרעטונגענ פונ די באזונדערע כאוויירימ אפנ צוזאמענפאר. דער אינהאלט פונ די דאזיקע רעדעס האט באשטעטיקט דאס, וואס איכ האב געזאגט אינעמ פארטראג. איכ טייל בלויז אויס די רעדע פונעמ שרײַבער אודייענקא, וועלכער האט אפ לעבעדיקע בײַשפילנ, אפנ בײַשפיל פונ דריי מענטשנ, בוילעט אונטערגעשטראכנ די שוועריקײַטנ אונ די גרויסע באדייטונג פונ אונדזער קאמפ פארנ סאציאליזמ אונ, צוזאמענ דערמיט, די איבערגעגעבנקײַט צו דער ראטנמאכט אונ די ליבע צו אונדזער פארטיי, צומ כ׳ כטאלינ, מיט וועלכער עס זײַנענ דורכגעדרונגענ די מיליאניקע מאסנ ארבעטנדיקע (א פ ל א ד י ס מ ע נ ט נ).

בעעמעס טאקע, גרויס זײַנענ די ענדערונגענ, וואס זײַנענ פארגעקומענ אינ אונדזער לאנד פאר די לעצטע יארנ.

מיט 17 יאר צוריק האט לענינ געזאגט: „דער אויסדרוק „סאציאליסטישע סאוועטישע רעפובליק” באטײַט די אנטשיידנקײַט פונ דער ראטנמאכט צו פארווירקלעכנ דעמ איבערגאנג צומ סאציאליזמ, אונ קלאל ניט די אנערקענונג פונ דער געגעבענער עקאנאמישער ארדענונג אלס סאציאליסטישע”. זינט דאנ איז פארגעקומענ א גרינטלעכע איבעראנדערשונג פונ אונדזער לאנד אפנ יעסאד פונעמ ניצאכנ פונעמ סאציאליזמ, עס האט זיכ געענדערט זיינ עקאנאמיק אונ זײַנ סאציאלע סטרוקטור. עס האט זיכ געענדערט דאס לעבנ פונ די פאלקס־מאסנ אונ, אויב מע זאל זיכ צוקוקנ, לעבנ מיר איצט אינ א נײַער וועלט, אינ אבסאליוט נײַע באדינגונגענ.

אונדזער אינדוסטריע איז געווארנ אנ אנדערע, — דאס לאנד האט זיכ אינדוסטריאליזירט אפ דער באזע פונ איר ווּקס. די לאנדווירטשאפט האט זיכ איבערגעבויט אפ נײַע יעסוידעס, אפ די יעסוידעס פונ קאלעקטיוויזמ אונ נײַער טעכניק. מיר האבנ דערגרייכט א קאלאסאלנ אופשטייג פונ דער פאלקווירטשאפט, וואס איז געגאנגענ אונ גייט קעסיי־

זײער פּאָרוים טאקע דערפאר, ווײל דער יעסאָד פונ איר אנטוויקלונג איז דער ניצאָכנ פונ דער נײַער אָרדענונג.

דער זיג פונעמ סאָציאַליזמ, וואָס באטײט א זיג פונ די פּרינציפּנ פונ געזעלשאפטלעכנ אײגנטומ, האָט אפּ א ראדיקאלנ אופנ געענדערט דאָס פּאָנעמ פונ אונדזער לאנד, די קלאסנ־סטרוקטור אונ די סאָציאַלע פארהעלטענישנ אינ אונדזער מעלוכע. ווי דער קלאסנ־סוינע זאָל זיכ ניט אײַנקלאמערנ אָנ זײַנע אלטע פּאָזיציעס, רײַסט אונדזער בויונג ארונטער אלע אונ אלערלײ יעסוידעס פונ דער אלטער געזעלשאפט, פארבײטנדיק זײ מיט נײַע סאָציאליסטישע פארהעלטענישנ אפּנ יעסאָד פונ א נײַער באוווסטזיניקער דיסציפּלינ. ס'ווערט איבערגעבויט דער שטײגער אונ די לעבנ־באדינגונגענ פונ די ארבעטנדיקע, עס גײט א שנעלער אופשטײג פונ דער סאָוועטישער קולטור, די פרוי הײבט זיכ אופ צו א נײַ לעבנ, עס וואקסט אפּ דורכ אונ דורכ די סאָוועטישע יוגנט. די מענטשנ פונ דער סאָוועטישער ערד טײלנ פונ זיכ אויס אלצ נײַע העלדנ.

עס גײט ניט נאָר אנ אָנגעשטרענגטער קאמפּ פאר איבערבויענ דעמ סײדער פונ אונדזער גאנצנ לעבנ. עס הײבנ זיכ אופ נײַע אונ נײַע רײענ צומ קאמפּ מיט דער נאטור, פאר באהערשנ זי.

אונדזערע דערפאָלגנ אינעמ דעראָבערנ די ארקטיק אונ די נעמענ פונ די דרײסטע סאָוועטישע מענטשנ אונ העלדנ פונ דער ארקטיק זײַנענ באוווסט פאר פיל מיליאָנענ. אויכ דאָ זײַנענ אָפּגעהאלטנ געוואָרנ די ערשטע ניצכוינעס, וועלכע זײַנענ געווענ איבער די קויכעס פאר די מענטשנ פונ דער אלטער וועלט, נאָר וועלכע די סאָוועטישע מענטשנ מאכנ בלויז פארנ אויסגאנג־מאָמענט צו זײערע ווײטערדיקע אונ נאָכ מער גרויסע דערפאָלגנ. אינעמ קאמפּ פאר באהערשנ די סטראטאָספער האָבנ די סאָוועטישע מענטשנ פארנומענ ביז גאָר אנ אָנגעזעענ אָרט. אונ אינ אָט דעמ רומפולנ קאמפּ פאר די הײכנ זעענ מיר די אנטפּלעקונג פונעמ וווקס פונ אונדזערע קרעפטנ אונ גרויסע שטרעבונגענ.

דאָס ראטנלאנד איז נאָכ יונג אונ עס האָט נאָכ ערשט ניט לאנג געעפנט דעמ עמעסנ וועג צומ וווקס פונ די נײַע קרעפטנ. אפּ אונדזער וועג שטײענ נאָכ ניט קײנ קלײנע שוועריקײטנ אונ גרויס זײַנענ נאָכ די איבערבלײבעכצנ פונעמ קאפּיטאליזמ אינ אונדזער לאנד. זײ זײַנענ נאָכ פאראנ אינ דער עקאָנאָמיק אונ אינ דער סאָציאַלער סטרוקטור פונעמ

ראטנפארבאנד. זיי זײַנען באזונדערס לעבהאפט אינעם באוווּסטזײַנ פונ די מענטשנ און זיי וועלנ נאָכ לאנג זיכ לאָזנ פילנ. דער קלאסנ־סוינע האָט נאָכ ניט אוועקגעלייגט זײַנ געווער, און וואָס מער האָפענונגלאָז ס'איז זײַנ זאַכ, אלץ מער פארצווייפלט ווערנ די פרווונ פונ די, וואָס זײַנען פארורטיילט אפ אומקום...

אָבער מיר ווייסנ אונדזער וועג און זײַנען ביזנ סאָפ איבערצײַגט אינ דער גערעכטיקײַט פונ אונדזער זאַכ.

מיט דעם דאָזיקנ וועג, אונטער דער פאָנ פונ לענינ—סטאלינס פארטיי, וועלנ מיר גיינ צו נײַע און נאָכ גרעסערע זיגנ (שטורמישע אפלאָדיסמענטנ, וואָס גייענ איבער אינ א דויערנדיקער אָוואציע, אויסגעשרייענ: „זאָל לעבנ אונדזער פירער כאווער סטאלינ, זאָל לעבנ כאווער מאָלאָטאָוו").

באשטימונג
פונעמ VII ראטנ־צוזאמענפאָר
פונעמ פארבאנד ססר
איבערנ באריכט פונ דער רעגירונג פונעמ פארבאנד ססר

אויסגעהערט דעמ באריכט־פאָרטראָג פונעמ פאָרזיצער פונעמ ראט פונ די פאָלקס־קאָמיסארנ פונעמ פארבאנד ססר כ׳ מ אָ ל אָ ט אָ ו ו. מ. וועגנ דער טעטיקײט פונ דער רעגירונג פונעמ פארבאנד ססר, ב א ש ט י מ ט דער VII ראטנ־צוזאמענפאָר פונעמ פארבאנד ססר:

1. באגיטיקנ דעמ באריכט־פאָרטראָג פונעמ פאָרזיצער פונעמ ראט פונ די פאָלקס־קאָמיסארנ פונעמ פארבאנד ססר כ׳ מ אָ ל אָ ט אָ ו ו. מ.

2. אינגאנצנ אונ פולשטענדיק באגיטיקנ די אויסערלעכע אונ אינערלעכע פאָליטיק אונ די פראקטישע טעטיקײט פונ דער רעגירונג פונעמ פארבאנד ססר.

פאָרזיצער פונעמ VII ראטנ־צוזאמענפאָר
פונעמ פארבאנד ססר **מ. קאלינינ.**

סעקרעטאר פונעמ VII ראטנ־צוזאמענפאָר
פונעמ פארבאנד ססר **א. יענוקידזע.**

מאָסקווע, קרעמל, 31 יאנואר 1935 י.

אינהאלט

זײַט

I. צוויי ליניעס פונ דער וועלט-אנטוויקלונג 3

II. די באציִונגענ פונ פססר מיט די קאפּיטאליסטישע לענדער אונ אונדזער קאמפּ פארנ שאָלעמ 10

1. די איניציִאטיוו פונ פססר אינ זיכערנ דעמ שאָלעמ 10

2. די באציִונגענ פונ פססר מיט די קאפּיטאליסטישע לענדער אינ אונדזער אויסערנ-פּאָליטיק 16

III. דער זיג פונ סאָציִאליזמ אינ פססר אינ די אויפגאבנ פונ דער ראטנמאכט 32

1. דער אויפשטײַג פונ דער פאָלקווירטשאפט אינ דער זיג פונעמ סאָציִאליזמ אינ אונדזער לאנד 32

2. די איבערגעשטאלטונגענ אינ דער סאָציִאלער סטרוקטור פונעמ לאנד אונ אונדזער פּאָליטיק 54

שלוסוואָרט 79

באשטימונג פונעם VII ראטנ-צוזאמענפאָר איבערנ באריכט פונ דער רעגירונג פונ פססר 85

Редактор перевода А. Фрумкин. Техред М. Погостер. Корректоры М. Иткович и М. Иткин. Сдано в набор 30/I—35 г. Подп. к печ. 1/II—35 г. Ф. 6. 72×105 1/32. 5 1/2 п. л. Уп. Главлита Б—2362 Тираж 15.000 экз.

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 130